פארלאג
מענדעלע
ווארשע

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

### נײַנטער באַנד

נײַע פאַרבעסערטע אויסגאַבע

פעדרוקט: געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7

1928

## אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

# מסעות בנימין השלישי

דאָס הייסט

## די נסיעה אָדער אַ רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען

וואָס איז אויף זיינע נסיעות פערגאַנגען העט ווייט איבער הינטער די הרי חושך, און האָט זיך גענוג אָנגעזעהן און אָנגעהערט חידושים, שעהנע זאַכען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון

בהשתדלות

מענדעלע מוכר־ספרים

פערלאַג „מענדעלע“, וואַרשא

1928

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:12667
76058

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

c49773653

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# מסעות בנימין השלישי

אין דער ערשטער אויפלאגע, וואס איז ערשיענען אין ווילנא אין יאהר 1878, איז דאס בוך אזוי אנגערופען געווארען דורך מענדעלע׳ן: „קיצור מסעות בנימין השלישי, דאס הייסט די נסיעה אדער א רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וואס איז אויף זיינע נסיעות פערגאנגען העט־ווייט אזש אונטער די הרי חושך, און האט זיך בעגוג אנגעזעהן און אנגעהערט חידושים שעהנע זאכען, וואס זענען ארויס־געגעבען געווארען אין אלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון בהשתדלות „מענדעלע מוכר ספרים". עס איז אויך געווען אנגע־וויזען: „ספר ראשון". מענדעלע האט, משמעות, דאס בוך געהאלטען פאר אן אנהייב, און געהאט בדעה פארטצוזעצען די וויטערדיגע טהיי־לען. אפשר זענען שולדיג אין דעם די שווערע אומשטענדען, אין וועל־כע מענדעלע האט זיך דאן אין משך פון עטליכע יאהר געפינען, — אדאנק וועלכע ער האט זיך דערווייטערט אינגאנצען פון זיין שאפען און נישט געווען ביכולת צו שרייבען ווייטער זיינע „מסעות בנימין השלישי". י. ח. ראווניצקי שרייבט, אז מיט „מסעות בנימין השלישי" האט אויף א היבשע צייט ווי אויסגעטריקענט מענדעלעס גייסטיגער קוואל, ער האט אוועקגעלעגט די פען אין א זייט און האט גארנישט נים געשריבען". [1]) „פון 1877—דערצעהלט מענדעלעס נאהענטסטער פריינד י. ל. בינשטאק—זענען אין אבראמאוויטשעס לעבען, וואס דאס מזל האט אים בכלל קיינמאל איבעריג נישט געפעשטשעט, אנגעקו־מען אזעלכע אומשטענדען, וואס נעמען ביי איהם צו יעדען חשק צו

---

[1]) י. ח. ראווניצקי—ש. י. אבראמאוויטש, אלע ווערק פון ממו"ס באנד I.

ליטעראַרישער אַרבייט. גענוג צו זאָגן, אַז אַט דער אומאויסשעפּנדער קוואַל איז ווי פאַרוויסט געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון די אומשטענדען, וואָס האָבען איהם אינגאַנצען דערדריקט"[2]).

אויב אין זיינע פריהערדיגע ווערק („דאָס קליינע מענשעלע", „פישקע דער קרומער", „די טאַקסע", „די קליאַטשע", „יודעל" — פערעפענטליכט אין די יאָהרען 1864—1873) איז מענדעלע דער עיקר פובליציסט און אויך שילדערער פון סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען אומרעכט, איז אין „מסעות בנימין השלישי" איז שוין מענדעלע דער עיקר—קינסטלער. מענדעלע דערהויבט זיך שוין דאָ איבער דעם ציימגייסט, ער טהיילט אָב שטאַרקער דעם קינסטלער אין זיך פון דעם משכיל, פון דעם שטראָפער.

„אין „מסעות בנימין השלישי" גיט אונז אבראמאָוויטש אַ הומאָר־פולען בילד פון דער גייסטיגער ענגשאַפט פון יודישען לעבען אין מיטען פונ'ם 19־יאָהרהונדערט. בנימין און זיין חבר סענדערל די יודענע—אַ מין דאָן קישאָט און סאַנבאָ פּאַנטשאָ — ווייזען אונז די צוויי גענזאַצען פון דעמאָלסדיגען יודישען לעבען, דעם אידעאַליסט און דעם פּראַקטישען, און ביידע שטעלען זיך אַרויס פאַר אונז אין זייער פינסטערע, בלינדער, גייסטיגער בעגרענעצטקייט". (בעל מחשבות)[3]).

„מיט זיין וואונדערליבען „מסעות בנימין השלישי" — שרייבט ש. ניגער[4])—האָט מענדעלע געמאַכט אַ שריט צום צווייטען, פיינערען אינ'ם קינסטלערישען זין, מהייל פון זיין שאַפען. דאָ איז שוין ווידער מעהר זוימיגע זאַכען און מעהר קינסטלערישע רוהיגקייט, מעהר אויסגעהאַלטענקייט, ווי אין די פריהערדיגע ווערק. דער גאַנצער טאָן איז שוין דאָ מעהר אַ הומאָריסטישער, ווי אַ סאַטירישער... אין „מסעות בנימין השלישי" האָט צום ערשטען מאָל דער קינסטלערישער הומאָר

---

[2]) זע „האָסלאָר" XII 1884, „השלח", כרך ל"ד, ז. 28 — זע אויך זלמן רייזען „לעקסיקאָן" I ז. 21—22. און ש. מ. גינזבורג — אַלע ווערק פון ממו"ס, באַנד XXI.

[3]) בעל מחשבות — אַן איניקל דעם זיידען, אַלע ווערק פון ממו"ס ב. I.

[4]) ש. ניגער — וועגען יודישע שרייבער, באַנד I, ז. 55—57.

איבערהאַנד בעקומען איבער דער מעהר־פּובליציסטישער סאַטירע... שרייבענדיג דאָס דאָזיגע ווערק, האָט מענדעלע געהאַט פאַר זיך אַ גרויסען מוסטער, דאָס אומשטערבליכע ווערק פון סערוואַנטעס... קיינער וועט נישט פערגלייכען דאָס שעהנע „מסעות בנימין השלישי", וואו דער עיקר איז דער יודישער, אויב מ'קאָן זאָגען אַזוי, עטנאָגראַפישער הומאָר—מיט דעם „דאָן קישאָט", וואו עס איז פאַרהאַן אַן אייביגער, אַלמענשליכער אינהאַלט. וויכטיג איז אָבער די זעלבסטשטענדיגקייט, מיט וועלכער מענדעלע האָט פערייודישט דעם דאָן קישאָט. ער האָט פעריודישט דעם אינהאַלט, נישט נאָר די פאָרם. אַ דאָן קישאָט, אַזוי ווי מיר פערשטעהען איהם ביי סערוואַנטעס, קאָן אין טונעיאַדעווקע נישט אויסוואַקסען, דאָן קישאָט האָט קינדישע פאַנטאַזיעס, ער האָט אָבער אויך קינדישע עקשנות; בנימין איז אַ יודענע פונקט ווי דער חבר זיינער, סענדערל. דאָן קישאָט האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט, בנימין שרעקט זיך פאַר אַ הונט, און אַז ער דערזעהט אַ גוי אין וואַלד, פאַלט ער אין חלשות, ער מיינט, ס'איז אַ גזלן. דאָן קישאָט שטעהט געגען דער וועלט, אַזוי ווי די תמימות געגען דער פאַלשקייט, אַזוי ווי דער עקסטאַז געגען דער ניכטערקייט. ווי שטעהט בנימין אַנטקעגען דער וועלט? פשוט ווי אַ נאַר געגען קלוגע, ווי אַ בטלן געגען מענשען, וואָס זענען געניטער פון איהם און קאָנען איהם אַרייננאַרען אין זאַק. פון אַנדערע טונעיאַדעווקער שיידט ער זיך אָב נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אַביסל מעהר פאַנטאַזיע פון זיי און וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט מעשיות פון אלדד ומידד, אלעקסאנדער מוקדון און די רויטע יודעלעך. אחוץ דעם איז ער אַ טונעיאַדעווקער, אַזוי ווי אַלע טונעיאַדעווקער. אַזוי ווי שטענדיג ביי מענדעלען קומט אויך דאָ דער פרט צו געבען אָנצוהערענישען אויפ'ן כלל. „מסעות בנימין השלישי" געהערט יעדענפאַלס צו די זעלטענע ביי מענדעלע'ן ווערק, וואָס זענען „מעור אחד", פון איין שטיק.

דאָס ווערק איז אינגאַנצען אָנגעשריבען מיט אַ ליעב הארציגען הומאָר. מענדעלע איז שוין דאָ וועהניג שטראָפער, ער בייזערט זיך נישט, ער מאַרעלט נישט, נאָר ער גלעט, ער צערטעלט זיינע הויפּטהעלדען, וואָס ער ברענגט זיי אַרויף, ווי אַ זיידע זיינע ליעב־האַרציגע אייניקלעך. אַט דער גוטמוטיגער טאָן פיהלט זיך גלייך פון דער

# מסעות בנימין השלישי

הקדמה צו „מסעות בנימין השלישי", וואו די איראָניע קוקט אַרויס פון דעם לאַכענדיגען, מיטפיהלענדיגען שמייכעל. „איך האָב עפּעס געפיהלט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבען מיט די ווערטער: הקיצה, סענדערלע, כאַפּ זיך אויף, סענדעלע. און קריך אַרויס פון אונטערען אויבען, נעם אָן פולע הויפענס געווירץ פון בנימינ'ס אוצר און מאַך דערפון פּאָטראַוועס צו דיינע ברידער, אַזוי ווי זיי האָבען ליעב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכען און צוגעברייט אַ געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל דאָ איצט פאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל בעקומען". און אָט אַזוי, מיט אַ וואונדערליכער פיעטעט צו די טונעיאַדעווקער העלדען, ציהט זיך דער גאַנצער ספור המעשה, וואָס איז געשריבען אין דעם ווייכען טאָן, מיט דעם גוטמוטיקען שמייכעל, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון דעם גוטמוטיגען, ווייכהאַרציגען בנימין.

אָבער דאָס איז דער אויבענאויפיגער איינדרוק. אין אמת'ן אָבער איז „די סאַטירע פון דעם בוך שטאַרק און בייסענדיג... די גאַנצע פוסטקייט פונ'ם יודישען לעבען אינ'ם קליינעם שטעדטעל קומט אונז אומדערבאַרעמדיג צום בעוואוסטזיין: דאָס גרויסע עלענד, וואָס ציהט דעם מענשען אוועק דעם לעצטען ביסעל רעאַלען באָדען פון אונטער די פיס און לאָזט איהם נישט מעהר איבער ווי נאָר דאָס פוסטע פאַנטאַזיע־לעבען, נאָר הוריות און חלומות. און נישט נאָר איינער—ניין, אַ גאַנץ פאָלק איז פערמשפּט צו לעבען אַזאַ לעבען פון לויטער פאַנטאַזיעס און הוריות און חלומות. עס געהט אַ שוידער אַריבער איבער די ביינער. און דערביי איז דאָס בוך פול מיט די הערליכסטע נאַטור־שילדערונגען און מיט די מייסטערהאַפטסטע בעשרייבונגען פון יודישע מינהגים. און פון יודישען לעבען, פונ'ם ערשטען בלעטעל ביז צום לעצטען [5]).

„מסעות בנימין השלישי" איז אין 1885 איבערגעזעצט געוואָרען דורך דעם בעקאַנטען פוילישען שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ אויף פויליש אונטערען נאָמען Donkiszot żydowski און פון פויליש איז עס איבערגעזעצט געוואָרען אויף טשעכיש.

נ. מ.

---

[5]) זע דוד פרישמאַן—אַלע ווערק פון מסו״ס ב. I

# הקדמת מענדעלי מוכר ספרים.

אמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים, געלויבט איז דער בורא, וואָס בעשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים אין די הימל אויבען און דעם גאַנג פון זיינע אַלע בעשעפעניש אויף דער ערד אונטען. אַפּילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פון דער ערד, ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס! מכּל שכּן אַ מענש, ער האָט אַוודאי אַ מלאך, וואָס שלאָגט איהם און זאָגט: געה, געה, קריך אַרויס? און מכּל-שכּן נאָך מעהר די פיינע מענשעלעך, שענע יודע־לעך. — קיין נאַר האַפּט זיך פריהער פון איטליכען נישט אַרויס מיט אַ וואָרט, ביי אונז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל־עצה, קיין עם-הארץ — אַ חסיד, קיין גראָבער יונג, אַ משכּיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטליכען פון זיי זיין מלאך. גויטענדיג איהם דערצו. עס שלאָגען די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונזערע, זאָגענדיג, וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפנים, געבוירענע, אָבגעקומענע, אָפּענע, פערבאָרגענע,

שפּראָצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! געהט, אידישע קינדער, געהט — איבער די הייזער!...

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסען. איך בין אויסען צו דערצעהלען דאָ אייך, רבותים, ווי איינער פון אונזערע ברידער איז פערנאַנגען העט, העט אין די ווייטע מקומות און האָט דערמיט קונה שם געווען.

צלע ענגלישע און דייטשע נאָזעטען זענען פאַר אַ יאָהרען פול געוועזען מיט דער וואונדערליכער נסיעה, וואָס בנימין, אַ פוילישע יודעל, האָט געמאַכט אין די אַרצות המזרח ערגיץ. „סטייטש, סטייטש, — האָבען זיי זיך געחידושט, — אַ יוד. אַ פוילישער יוד, אָהן כלי זין, אָהן כּאַשינעס, נאָר מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ טלית-און תפילין-זאַק אונטערן אָרעם זאָל אָנשפּאַרען אין אַזעלכע ערטער, וואו גרויסע בעריהמטע ענגלישע רייזענדע האָבען אָהין נישט געקענט צוקומען! נישט אַנדערש אַז דאָס איז געשעהן נישט מיט קיין מענשליכען כּח, עפּיס נאָר מיט אַזאַ כּח, וועלכען דער שכל קען כּלל נישט משיג זיין, דאָס הייסט, דער שכל איז פונקט נישט אַזוי בכּח, אַזוי ווי דער דאָזיגער כּח איז ניט בשכל. נאָר בכל האופנים, ווי די מעשה איז שוין דאָרט געווען, בנימינ׳ן האָט די וועלט צו דאַנקען פאַר די חידושים, גרויסע זאַכען, וואָס זענען דורך איהם ענטפּלעקט געוואָרען און פון איצט אָן וועט די מפּה אָדער די לאַנדקאַרטע בעקומען גאָר אַ אַנדער פּנים. בנימין פערדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפישע געזעלשאַפט אין לאָנדאָן האָט איהם געגעבען״...

די יודישע גאַזעטען האָבען די דאָזיגע רייד אויפגעחאַפּט מיט ביידע הענד און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגען דעם גאַנצען פאַר-יאָהרדיגען זומער, אַזוי ווי איטליכען. וואָס לייענט די דאָזיגע גאַזעטען, איז בעקאַנט. זיי האָבען אויסגערעכענט אַלע חכמים, וואָס זענען בייַ יודען געווען פון אָדם הראשון אָן ביז אַ צונד, בכדי צו בעווייזען, וואָס פאַר אַ קלוג פאָלק יודען זענען. האָבען אויך אויסגעשטעלט אַ צעטעל פון די נוסעים (רייזענדע) אין אַלע צייטען פון בנימין דעם ערשטען, מיט אַ זיבענהונדערט יאָהר צוריק, און בנימין דעם צווייטען מיט דער





גאַנצער חברה נוסעים, וואָס וואַנדערוועען היינט ביי אונז אַרום. און בכדי מפליג צו זיין די נסיעה פון אונזער איצטיגען בנימין, האָבען זיי, ווי דער שטייגער איז פון יודען, דערווייל פון יענע בלעטער געמאַכט און נעזאָגט, אַז די גאַנצע כּנופיא היינטיגע נוסעים זענען טאַקי נאָר פּראָסטע שלעפּערס, וויסען נישט פון זייער חיות, די גאַנצע נסיעות זייערע, משטיינס-געזאָגט, בעשטעהט נאָר דרינען, אַרומצושלעפּען זיך, ווי מקבּלים, איבער די הייזער. זיי האָבען אַלע אַ פּנים ווי מאַלפּעס אַקעגען איצטיגען בנימין, אַקעגען בנימין דעם דריטען, דעם עכטען אמת׳ן נוסע. זיי האָבען אויף איהם און אויף די ספרים, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין נסיעה, געזאָגט ווי געוועהנטליך דעם געוויסען פּסוק: לא בא כבושם הזה, דאָס טייטש: ס׳איז נאָך אַזעלכע בשמים, אַזעלכע שמעקענדיגע געווירץ ביי יודען קיינמאָל נישט געווען. געבענשט און איינגעוויקעלט מיט דימענטען זאָל ווערען דער דאָזיגער, — האָבען זיי אַלע פּה אחד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טייערען אוצר פון בנימינ׳ס נסיעה, וואָס געפינט זיך אין אַלע פרעמדע לשונות, איבערטראָגען אויך אין לשון הקודש, ניחוי לאָזען יודען, נעבעך, אויך פערזוכען די פּאַטיקע, וואָס רינט פון יודישען בינשטאָק, און זאָל זיי דערפון ליכטיג ווערען אין די אויגען.

ואני מענדעלי, און איך מענדעלי, וואָס מיין כוונה איז תמיד נוצען צו ברייגגען אונזערע יודעלעך כּפי מיין מעגליכקייט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט: אידער די יודישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדען, איידער זיי וועלען זיך אויסשלאָפען אַרויסגעבען די ספרים פון בנימינ׳ס נסיעה אין לשון-קודש, וועל איך דערווייל מיך פּרייוען חאָטש אַ קיצור פון זיי אַרויסגעבען אויף פּראָסט יודיש. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדען ווי אַ גבור, און ווי אַלט און שלאָף איך בין, לא עליכם, האָב איך מיר פאָרט שטאַרקע מיה געגעבען אַרויסצובעקומען פונ׳ם גרויסען אוצר אַזעלכע ענינים, וואָס טויגען פאַר די קינדער ישראל, און צו דערצעהלען זיי פריי כּפי מיין שטייגער. איך האָב עפּיס געפיהלט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבען מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלי, חאַפּ זיך אויף, מענדעלי, און קריך אַרויס פון אונטער אויוועון! גיעה נעהם אָן פולע הויפענס געווירץ פון בנימינ׳ס אוצר און מאַך דערפון פּאַמראַוועס צו דיינע ברידער

אזוי ווי זיי האָבען ליעב. איך בין מיט גאָטס הילף ארויסגעקראָכען אין צוגעבריט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פאַר אייך אנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל בעקומען!

# דאס ערשטע קאפּיטעל.

## ווער דער בנימין איז, פון וואנען ער איז און ווי די נסיעה האט פלוצלים צו איהם זיך גענומען.

„כל ימי, אזוי זאָגט בנימין דער דריטער אליין, כל ימי נתגדלתי בטונעיאַדעווקע, מיין גאַנץ לעבען, דאָס הייסט ביז מיין גרויסער נסיעהן בין איך נתגדל געוואָרען אין טונעיאַדעווקע, דאָרט בין איך געבוירען געוואָרען, דאָרט בין איך דערצויגען געוואָרען, און דאָרט האָב איך למזל חתונה געהאט עם אשתי מיט מיין פלוניתטע הצנועה מרת זעלדע תחיה".

טונעיאַדעווקע דאָס קליינע שטעדטיל איז א פערוואָרפען ווינקעל, אנדערזייט פונ'ם טראַקט, כמעט אבגעריסען פון דער וועלט אזוי, אז ווען אמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אהין צופאָהרען, עפענט מען די פענסטער, די טירען און מען קוקט פערוואונדערט אָן דעם פרישען פּאַר-שוין. שכנים פרעגען איינער ביים אנדערען, ארויסקוקענדיג פון די אָפענע פענסטער. קשיות: הא, ווער זאָל עס אזוינס זיין? פון וואַנען האָט ער פלוצלים פון דער העלער הויט אהער זיך גע-נומען? וואָס קען אזעלכער בעדאַרפען? האָט ער עפּיס נישט א מיין? עפּיס אזוי גלאַט קען עס ניט זיין, גלאַט אזוי דען נעהמט מען און מען קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּיס, וואָס מען מוז עס דערגעהן... דערביי וויל איטליכער ארויסווייזען זיין חכמה, זיין געניטשאַפט, בויך-סברות פאַלען ווי מיסט. אלטע לייט דערצעהלען מעשיות און ברייגנען משלים פון אורחים, וואָס זענען אין דעם און אין דעם יאָהר געקומען אהער צו פאָהרען. בעלי המצאות זאָגען מכח דעם ווערטלעך, אביסעל

עפּים נישט קיין שענע. מאַנסביל האַלטען זיך בײַ די בערדלעך און שמייכלען; אַלטע ווײַבער זידלען אָב די בעלי המציאות אויף קאַפּאָרעס, מיט אַ בייזער אי מיט אַ לאַכען אינאיינעם; יונגע ווײַבלעך דערלאַנגען פון די אַראָבגעלאָזענע אויגען אַ געבייגענעם קוק פון אונטען אַרויף, האַלטען די האַנד אויפ'ן מויל און שטיקען זיך לאַכענדיג אין פויסט. דער שמועס מכּח דעם דאָזיגען ענין קייקעלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי אַ קויל פון שניי, און ווערט קייקלענדיג-זיך אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז ער קייקעלט זיך אַריין אין בית-המדרש סאַמע אונטער'ן אויווען, אין דעם אָרט, וואָס אַהין פערקייקלען זיך אַלע שמועסען פון אַלערליי ענינים, הן סודות פון שטובזאַכען, הן פּאָליטיקע מכּח סטאַמבול, מכּח דעם תּוגר ומכּח קירה'ן, הן געלד-געשעפטען, מכּח ראָטהשילדס פאַרמעגען און פערגלייך מיט די גרויסע פּריצים און די אַנדערע גרויסע נגידים, והן פּאַטשטען מכּח די גזירות ומכּח די רויטע יודלעך וכדומה, און וואָס דאָרט קלייבט זיי פונאַנדער כּסדר אַ בעזונדער קאָמיטעט פון שענע בעטאָגטע יודען, וואָס זיצען שטענדיג אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מפקיר ווײַב און קינדער און גיבען זיך מיט די אַלע געשעפטען טאַקי אמת געטריי אָב, טהוען זייער זאַך בשלימות גלאַט אַזוי לשם שמים, נישט צו נעהמען פאַר זייער מיה, פאַר זייער פּראַצע אפילו אַ צובראָכענעם העלער. פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט געהען אָפּט די ענינים אַוועק אין באָד אויף דער אויבערשטער באַנק און אויף אַ פולער אסיפה פון שטאָדט-בעלי-בתּים ווערען זיי דאָרט בעשטעטיגט, והכּל שריר וקים, אַז דערנאָך זאָלען אפילו קומען כּל מלכי מזרח און מערב, זיך שטעלען מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, העלפען זיי גאָרנישט פועלי'ן. דער תּוגר איז שיער איין מאָל נישט אומגליקליך געוואָרען אויף אַזאַ אסיפה אויף דער אויבערשטער באַנק. ווען עטליכע יוכסע בעלי-בתּים זאָלען נישט געווען האַלטען מיט איהם בלאָט, ווער ווייסט, וואו ער וואָלט איצט אָנגעשפּאַרט. ראָטהשילד, נעבעך, האָט שיער נים פערלוירען דאָרט עפּים אַ צעהן—פופצעהן מיליאָן. דערפאַר האָט איהם גאָט געהאָלפען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, דער עולם איז געווען, ווי מען זאָגט. בגילופין, אויף דער אויבערשטער באַנק איז גראָד געווען לעבליך, די בעזעמלעך האָבען זיך געהייבען און מען האָט איהם מיט אַ מאָל צוגעלאָזט ריין פערדינסט אַקעגען, אַר"ן מיליאָן קערבלעך!

די איינוואוינער אַליין אין טונעיאַדעווקע זענען, נעבאַך, במעט אַלע, לא עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים,





נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, זיי זענען פרעהליכע אביונים, לוסטיגע קבצנים, ווילדע בעלי-בטחונים. אַז מען זאָל, אַ שטייגער, פּלוצלים אַ פרעג געבען אַ טונעיאַדעווקער יודען: פון וואַנען און ווי אַזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תּחילת שטעהן ווי צומישט, ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אַביסעל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתּמימות:

— איך, ווי אַרום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אייך אָט-אָ, וואָס פערלאָזט נישט אַלע זיינע בעשעפעניש, ער שיקט צו און וועט מסתּמא ווייטער צושיקען, זאָג איך אייך אָט-אָ.

— פאָרט וואָס טהוט איהר אַזוינס? האָט איהר תּאַטש עפּים וואָס ס'איז פאַר אַ מלאכה אָדער אַ פרנסה אין דער האַנד?

— געלויבט איז השם-יתברך. איך האָב ברוך השם, אַזוי ווי איהר קיקט מיך אָן אָט-אָ, אַ מתּנה פון זיין ליבען נאָמען, אַ כּלי, אַ קול נגינה און דאַווען מוספים ימים נוראים אין דער סביבה, איך בין אַ מוהל און אַ מצה-רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיהר אַ מאָל אויס אַ שידוך, פיהר איך אויס; איך האָב אַ שטאָט, אַזוי ווי איהר קיקט מיך אָן אָט-אָ, אין דער שוהל. היינט האַלט איך אייך, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אַ שיינקעל, וואָס מעלקט זיך צו ביסלעך; איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אָהן עין-הרע זעהר גוט, און האָב נישט ווייט פון דאַנען אַ רייכען קרוב אָט-אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צייט אויך אַביסעל מעלקען. היינט חוץ די אַלע זאַכען, זאָג איך אייך אָט-אָ, איז גאָט אַ טאַטע און די ישראל זענען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אָט-אָ, נישט צו פערזינדיגען!...

אויך מוז מען די טונעיאַדעווקער איינוואוינער דעם שבח נאָכזאָגען, אַז זיי זענען צופרידען מיט וואָס גאָט גיט און קלויבען, חלילה,, אין דער הלבשה און אין דעם עסען שטאַרק נישט איבער. אַז די שבתדיגע קאַפּאָטע, אַ שטייגער, איז צוהאַקט, צופאַלען, צוריסען, אַ ביסעל פערשלומפּערט און עפּים נישט אַזוי ריין, כּמעט אויך נישט אויס, אַבי זי איז פאָרט פון אַטלעס און גלאַנצט. אַ ערטערוויז קוקט ווי פון אַ רעשעטע אַרויס דאָס הוילע לייב, מילא, וואָס אַרט עס וועמען, ווער וועט זיך דאָ אַזוי שטעלען צוקוקען? למאי פּיאַטעס, מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריבענע פּיאַטעס? פּיאַטעס איז דען נישט קיין לייב, קיין מענשענפלייש?.... אַ שטיקעל ברויט מיט אַ קאָליש,

אבי ס׳איז נאָר דאָ, איז זעהר א גוטער מיטאָג. ווער שמועסט — א בולקע
מיט אראָסעלפליש פרייטאָג, ווער עס האָט נאָר, דאָס איז טאַקי א מאכל
מלכים, קיין בעסערס דערפון איז שוין, דאַכט זיך. אויף דער וועלט
נישטאָ. לאָז מען זיי דערצעהלען א שטיינער, פון אַנדערע מיני פּאָט-
ראַוועס חוץ פיש-יויך, נעבראָטעגס און א מעהרען-אָדער א פּאָסטערנאַק-
צימעס, קומט זיי דאָס אויס עפּיס משונה ווילד און זאָגען דערויף אָב
פארשידענע ווערטלעך מיט דעם גרעכטען געלעכטער, גלייך ווי דער וואָס
זאָגט עס, איז נאַריש, משוגע, און וויל זיי אויך מאַכען משוגע, איינרי-
דען זיי אַ קינד אין בויך, אַ קוה איז געפלויגען איבערן דאַך און געלעגט
אַיין איי. א שטיקעל באָקסאָר אין חמשה-עשר — דאָס איז אַזאַ פּרי, וואָס
מחיה נפשות. קיקענדיג דערויף, דערמאָנט מען זיך אין ארץ ישראל
נישט איין מאָל פערגלאָצט מען דערביי די אויגען מיט אַ קרעכץ: אַ-
והוליכנו קוממיות, זאָלסט אונז, הארצעדיגער פּאָטער, פיהרען קוממיות
טאַקי וואָס קוממיות הייסט, לארצנו צו אונזער לאַנד, וואָס ציגען עסען
דאָ-רט באָקסאָרען!.... על פי מקרה האָט איינער אַ מאָל אין דעם
שטעדטיל גראָד געבראַכט א טייטעל, האָט איהר בעדאַרפט זעהן, ווי
אַזוי מען איז דאָס געלויפען אָנקוקען אויף חידושים. מען האָט אויפגע-
מישט אַ חומש און געוויזען, אַז תמר, דער טייטעל שטעהט אין חומש!
סטייטש דער טייטעל, אָט דער טייטעל וואַקסט דאָך פון ארץ ישראל!...
קוקענדיג אויפ׳ן טייטעל האָט זיך אויסגעדאַכט, ארץ ישראל איז פאַר די
אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה,
דער מוטער רחלים קבר, דאָס כותל מערבי; אָט באָדט מען זיך אין חמי
טבריא, מען קריכט אַרויף אויפ׳ן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט
באָקסאָרען, מיט טייטלען און מען לעגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ-
ישראל-ערד. אך, האָט מען געקרעכצעט, און אין די אויגען האָבען
איטליכען זיך געשטעלט טרעהרען.

„יענע צייט, אַזוי זאָגט בנימין, איז גאַנץ טונעיאַ-
דעווקע, ווי גרויס די איז, געווען אין ארץ ישראל. מען
האָט געשמאַק גערעדט פון משיחין, אָט, אָט איז שוין גאַנס פרייטאָג
נאָך האַלבען טאָג. דער נייער פריסטאַוו, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקו-
מען, האָט גראָד כיד רמה דענסטמאָל געפיהרט דאָס שטעדטיל. ביי אַ פּאָר
יודען האָט ער אַראָבגעריסען די יאַרמעלקעס, איינעם אָבגעשניטען אַ פּאָה,
עטליכע, נעבעך, געחאַפּט שפּעט ביי דער נאַכט אין א געסיל אָהן פּאַס-
פּאָרטען, ביי נאָך איינעם פערנומען אַ ציג, וואָס האָט אויפגעגעסען





א נייעם שטרויענעם דאַך, און ער איז דערמיט איך געווען די סבה
דערפון, וואָס דער קאָמיטעט אונטערן אויוועז האָט זיך שטאַרק געדורעס
מיט דעם תוגר, עד מתי וועט דער שר של ישמעאל אַזוי שולט זיין?
מען האָט אויפגעמישט דעם געוועהנטליכען שמועס מכח די עשרת
השבטים, ווי גליקליך זיי לעבען דאָרט אין יענע ווייטע מקומות, אין
גדולה, עושר און כבוד; מען האָט אָפּגענומען די רויטע יודלעך די
בני משה מיט נוזמאות-מעשיות פון זייערע גבורות וכדומה; אלדד הדני,
עס פערשטעהט זיך, האָט אויך געטאַנצט אין דערמיט. יענער צייט צום
מייסטען האָב איך צופערדאַנקען די נסיעה מיינע, וואָס איך האָב דער-
נאָך געמאַכט".

פריהער, איז בנימין געווען ווי אַ הינדעלע, וואָס ליגט אין איי,
אָדער ווי אַ וואָרעם, וואָס ליגט אין חריין. ער האָט געמיינט, אַז אויף
יענער זייט טונעיאַדעווקע עקט זיך די וועלט, קיין זיסער, קיין בעסער
לעבען ווי דאָ איז נאָר נישטאָ.

„איך האָב געמיינט, זאָגט בנימין ערגיץ אין איין
אָרט, אַז רייכער פון אונזער אָרענדאַטאָר בעדאַרף מען שוין
נישט זיין. אַקליינינקייט עפּיס אַזאַ שטוב מיט בעל-הבתישקייט: פּיער
פּאָר מעשענע לייכטער, אַ זעקס-רעהרענדיגער הייגגלייכטער אויבען מיט
אַ אָדלער, צוויי קופערנע פּאַרעווע טעפּ מיט אַ פינף קופערנע פענדלעך,
אַפּאָלעצע צינערנע טעלער און, אוודאי, אַקענען אַ מוץ טעכבעקאָווע
לעפעל, צוויי זילבערנע בעכערלעך, אַ הדסל, אַ חנוכה-לעכטפעל
אַ ציבעלע-זיינער אין צוויי קופערטעס מיט אַ גראָב קייטעל פון זאַמד-
פּאַטשערקעס, צוויי קיה מיט אמאָל און אַ טעלעצע אויף דער צייט, צוויי
שבתדיגע קאַפּאָטעס וכדומה נאָך און נאָך אַזאַ גוטס. איך האָב געמיינט,
אַ חכם איז טאַקי נאָר איין רב אייזיק דוד רב אהרן יוסילעס שרה זלא-
טעס. אַ קאַטאַוועס, מען זאָגט, אַז ער האָט אַ מאָל אין דער יוגענד גע-
האָט אַ ידיעה אין תשבורת. ער האָט געמעגט זיין מיניסטער, ווען דאָס
שטיקעלע מזל זאָל איהם נאָר דינען. ווער האָט נאָך, האָב איך געמיינט,
אַזאַ הדרת פנים, אַזאַ בנעימותדיג שמועסיל ווי אונזער חייקיל זאַיקעס,
אָדער ווער איז אַזאַ מומחה, אַזאַ דאָקטאָר, וואָס מאַכט פון טויט לעבעדיג,
ווי אונזער רופא, וואָס ער האָט כפי השמועה די חכמת הדאָקטאָרייש
געלערענט ביי אַ ציגיינער פון די חרטומי מצרים.

הכלל דאָס לעבען אין זיין שטעדטעל האָט בנימינ׳ן
זיך אויסגעוויזען זעהר שען, זעהר גוט. ער האָט אפילו גע-

לעבט אין דחקות, ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען נעגאנגען קרועה-בלואה, נאָר האט דען אדם הראשון און זיין ווייב בשעת זיי זענען געווען אין גן עדן פערשטאַנען זיך צו שעמען, וואָס זיי זענען נאַקעט אין באָרפוס? די וואונדערליכע מעשיות אָבער פון די רויטע יודלעך און די עשרת השבטים זענען איהם אַ־יין טיעף אין הארץ און פון יענער צייט אָן איז איהם עפּיס ווי ענג געוואָרען אין זיין שטעדטעל, עס האָט איהם עפּיס געצויגען אַלץ אַהין, אהין דאָרט אין די וויטע מקומות אַריין; דאָס הארץ האָט אין איהם זיך געצויגען, אַזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך אַקעגען דער לבנה. דאכט זיך אין פלוג, וואָס איז אַזוינס אַ מייטעל, אַ פריסטאַוו, אַ יאַרמעלקע, אַ פּאה, אַ יוד, נעבעך, וואָס ווערט נלכּד אין געכּיל שפּעט ביי דער נאַכט, אַ ציג און אַ שטרויענער דאַך? נאָר דאָס אַלסדינג האָט אָנגעמאַכט אין איהם אַ גרויסע פערענדערונג, עס האָט געפיהרט דערצו, אַז ער זאָל בעגליקען די וועלט מיט זיין בעריהמטער נסיעה. אין דער וועלט זעהט מען נישט איינמאָל ווי פון קליינע סיבות קומען אַרויס גרויסע, זעהר גרויסע זאַכען: דערפון וואָס דער פויער האָט געזייעט ווייץ און קאָרען, וואָס דער מיהלנער האָט עס געמאָהלען, האָט דערפון איז אַ טייל אַ־יין אין דער נאַראַלנע און געוואָרען בראַנפען און אַביסעל פונ׳ם מעהל איז אַריין אין גיטעל דער שיינקערינס הענט, וואָס זי האָט עס געראַשטשינעט, געקנאָטען, געקאַטשעט און געמאַכט קנישעס, מצורף לזה, וואָס די פעניציער האָבען מיט טויזענדער יאָהר צוריק ענטדעקט די המצאה, ווי מען מאַכט גלאָז, און דורכדעם איז אַרויסגעקומען כּוסות אי קעלישקעס, — אַט פון די דאָזיגע אַלע קליינע סיבות זענען ביי אונז אין אַ סך שטעדט אַרויסגעשפּרונגען יענע ווילדע קהלס־לייט, יענע משוגה בערי־המטע פיינע בריות....

מעגליך איז, אין בנימינ׳ן איז געלעגען אַ ניצוץ פון אַ נוסע, נאָר דער ניצוץ וואָלט פערלאָשען געוואָרען, ווען די סיבות און די מעשיות פון יענער צייט וואָלטען איהם נישט אויפגעבלאָזען, און ווען אפילו דער ניצוץ וואָלט נישט פערלאָשען געוואָרען אינגאַנצען, וואָלט ער, ווען נישט די דאָזיגע סבות אין יענער צייט, געהאַט אַזאַ קליינעם כּח, אַז פון בנימינ׳ן וואָלט מיט דער צייט אויסגעוואַקסען אַ וואַסערפיהרער אָדער, ווען פיעל, אַ בעל העגלה.

איך האָב אין מיין לעבען בעגעגענט זעהר פיעל בעלי העגלות און שמייסערס, וואָס זיי זענען מסוגל געווען צו זיין





אַזעלכע נוסעים גלייך, כ׳לעבען, ווי יענע, וואָס וואַנדערען היינט אַרום צווישען יודען.... נישט דאָס אָבער בין איך אויסען:

פון יענער צייט אָן פלעגט בנימין מיט גרויס חשק זיך פערטיפען אין רבה בר בר חנה׳ס נסיעות אויפ׳ן ים און אין דער מדבר. ער האָט אויך דערמאַפּט שפּעטער דעם ספר „אלדד הדני", דעם ספר „מסעות בנימין", וואָס ער האָט מיט אַ זיבען הונדערט יאָהר צוריק גערייזט ביז עק וועלט, דעם ספר „שבחי ירושלים" מיט הוספות און דעם ספר „צל עולם", וואָס אין זיבען קליינע בלעטלעך איז ער כּולל אַלע שבע חכמות און דערצעהלט חידושים ונפלאות פון דער גאַנצער וועלט און פון איהרע משוגה־ווילדע בעשעפעניש. די דאָזיגע ספרים האָבען איהם געעפענט די אויגען און איהם איבערגעקעהרט פשוט גאָר פאַר אַיין אַנדער מענשען.

„פון די וואונדער־שענע מעשיות דאָרט, — דריקט זיך אַזוי בנימין אויס אין זיין ספר, — פלעג איך שטאַרק נתפעל ווערען. אי, אי! פלעג איך נישט איין מאָל פאַר גרויס התפעלות אַ געשריי טאָן: ווי העלפט מיר גאָט חאָטש אַ הונדערטיל דערפון צו זעהן מיט מיינע אויגען! דער קאָפּ מיינער האָט געטראָגען ווייט, ווייט..."

פון דענסטמאָל אָן איז איהם טונעיאַדעווקע שוין טאַקי געוואָרען צו ענג, ער האָט ביי זיך גומר געווען אַרויסצוהאַפּען זיך פון דאָרט מיט אַלע כּחות, גלייך ווי אַ הינדעלע, וואָס הויבט זיך אָן אויסצופּיקען און אַרויסקריכען פונ׳ם איי אויף דער ליכטיגער וועלט.

# צווייטע קאַפּיטעל.

## ווי בנימין ווערט אַ קדוש און זעלדע איין עגונה.

בטבע איז אונזער בנימין דער גוסע געוועזן אַ ווילדער בעל פּחדן. היינו ביי דער נאַכט פלעגט ער מורא האָבען צו געהן אויף דער גאַס, שלאָפען איינער אַליין אין אַ שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מען זאָל איהם אָבגילטען. אַרויסצוגעהן אַביסעל ווייט פין דער שטאָדט האָט ביי איהם געהייסען פּשוט זיך איינשטעלען דאָס לעבען, מאַלע וואָס קען חלילה, געשעהען. פאַר אַ ליאַד הינטעל האָט ער געציטערט אימות מות.

„איין מאָל, אַזוי דערצעהלט בנימין, איין מאָל, איך געדיינק עס ווי היינט. דאָס איז געוועזן תמוז אין אַ שרעקליך הייסען טאָג, איז אונזער רב מיט איינעם פון זיינע ליט געגאַנגען זיך אָבמובלען אין דעם טייכעל, וואָס אונטער דער שטאָדט. איך מיט אַ פּאָר יונגלעך, מיינע חברים, זענען מיט גרוים דרך ארץ נאָכגעגאַנגען פון הינטען און געווען ביי זיך זעהר זיכער, אַז מיר וועלען נישט האָבען קיין שום שלעכטע בעגעגעניש און, אם-ירצה-השם, קומען צוריק בשלום אַהיים, געדופעט אויף דעם רב. עפּיס אַ קאַטאָוועס אַ רב, וואָס פאַר איהם האָט דרך ארץ אַ וועלט וואָס קיין עלטערם פאַר איהם איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער טיטעל זיינער פאַרנעהמט אַ בלעטיל פאַפּיר... דער רב, אונזער בעשיצער, איז מיט ברייטקייט געגאַנגען היבש פריהער פאַר אונז און אַז ער האָט געהאַלטען אין אויסטאָן זיך, איז אין מיטען דרינען אָנגעקומען עפּיס אַ שייגעץ און אָנגערייצט זיין הונד. אונזער בעשיצער איז נישט טוים-לעבעדיג אַנטלויפען, צוגעהאַלטען, מחילה, די אָבגעשפּילע-





טע תחתונים מיט איין האַנד און מיט דער אַנדערער דאָס קיילעכדיגע געשטעפּטע פעלפּענע היטעל. מיר יונגלעך זענען אוודאי מבולבל געוואָרען, דען אַז דער לויתן ווערט אויף דער ווענטקע געהאַפּט, וואָס זשע, נעבעך, זאָלען שוין טאָן די פלאָטקעס אין דער בלאָטע? מיר האָבען אָנגעגורט אונזערע לענדען און געשווינד ווי די הירשען געלאָפען פאָראויס מיט אַ גוואַלד, מיט אַ ביטערן געשריי, ביז מיר זענען אַזוי הענ-דום=פענדום אָהן אַ נשמה אינאיינעם מיט אונזער גבור אַריינגעלאָפען אין דער שטאָדט. ס'איז געוואָרען אַ מהומה, אַ צונויפלויפעניש, אַ ליאַרעם: עס ברענט! מען הרגעט, מען שלאָגט! איינער פונים אַנדערען האָט נישט געוואוסט".

אַז בנימין האָט פירגענומען די נסיעה אין די ווייטע מקומות, איז ביי איהם געבליבען קודם=כל זיך צו שטאַרקען אוועקצוואַרפען דעם פּחד. ער האָט זיך געצוואונגען, דווקא געהן אַליין שפּעט ביי דער נאַכט, דווקא שלאָפען איינער אַליין אין חדר און דווקא אַרויסגעהן אָפט אונטער דער שטאָדט, חאָטש דאָס האָט איהם געקאָסט געזונד און איז פאַר שרעק, נעבעך, פונ'ם פנים אַראָב. די נייע הנהגה זיינע אין דער היים און אין בית=המדרש, זיין פערטראַכט=בלייך פּנימיל און זיין פערפאַלען-ווערען אָפט אויף עטליכע שעה פון דער שטאָדט, איז איטליכען געוואָרען עפּיס אַ פּליאה; מען האָט איהם גענומען אין מויל אַריין און פון איהם געשמאַק גערעדט, אַ טייל האָבען געזאָגט: נישט אַנדערש, ער איז משוגע, חסר דעה. איינמאָל, אַזוי האָבען זיי גערונגען, איז בנימין טאַקי געווען תמיד אַביסעל שוטה'וואַטע, עס האָט איהם געפעהלט אין קאָפּ אַ קלעפּקע; צווייטענס איז שוין טאַקי אין טונעיאַדעווקע לערך עט-ליכע יאָהר נישט געווען קיין משוגענער, און מיר האָבען דאָך אַ קימאַ-לן, ווי זאָגט מען עפּיס, עיר ועיר וחכמיה עיר ועיר ומשוגעיה, איטליכע שטאָדט מיט איהר חכם אי מיט איהר משוגענעם. בפרט נאָך היינט אין אַזעלכע גרויסע היצען. פאַר וואָס זשע זאָל נישט זיין קיין סברה, אַז ער זאָל טאַקי זיין משוגע גאָר פּשוט. ווידער אַ טייל, און בראש פון זיי רב איזיק דוד, רב אַהרן יוסילים שרה זלאַטעס, האָבען געמאַכט: עט, עט!... טאַקי נאָך אַמאָל עט! אמת טאַקי בנימין איז שוטה'וואַטע, טאַקי שטאַרק שוטה'וואַטע. נאָר דערפון איז נאָך כלל נישט גערונגען, אַז ער מוז ווערען אי משוגע, וואָרום זעלט=עס אַנדערש זיין. אַזוי, איז דאָך די קשיא, פאַר וואָס גראָד אַצינד און נישט פריהער? אדרבה ואדרבה, פאַר צוויי יאָהרען אי פאַר אַ יאָהרען זומער. זענען

די היצען געווען א גוומא גרעסער. אי וואס, דער קימא-לן ?
דער תירוץ: זאל זשע דוכטען — אונזער טייך. דער טייך אונ-
זערער, האבען מיר דאך א קימא-לן, נעהמט זיכער צו פון אה-
בין אן א מענשען אלע יאהר, און פונדעסטוועגען האט ער שוין א פאר
יאהר קיינעם נישט צוגענומען! פארקעהרט, ער אליין איז אין די פאר
יאהר אבגעפאלען, אז ערטערווייז קען מען ממש איהם איבערגעהן טרו-
קען-פוס... אי בנימין? מילא בע... דער גרעסטער טייל אבער, אין צווישען זיי
די ווייבער, האבען געזאגט: ער מוז האבען צו טאן מיט זיי... ער פארעט זיך
אוודאי מיט איהם... מיט דעם בעל דבר... וואס דען זשע בראדועט ער אליין
ביי נאכט אין דער פינסטער? וואס דען זשע ווערט ער א מאל פערפא-
לען אויף עטליכע שעה? וואס דען זשע שלאפט ער איינער אליין אין
ספיזשארנע? זעלדע זיין איינגען ווייב דערצעהלט אויך, אז זי הארכט בוי
דער נאכט, ווי מען קלאפט ביי איהם אין ספיזשארנע, זי הארכט א קלא-
פעריי, ווי מען געהט דארט מיט פיס..

דער דאזיגער שמועס מכח דעם ענין האט, ווי געוועהנטליך, זיך
אוועקגעקייקעלט אהין אונטערן אויווען, פון דארט אויף די אסיפה אויף
דער אויבערשטער באנק. מען איז איבער בנימינ'ן דארט צווישען זיך נאך
נישט פארטיג געווארען. נאר דערווייל איז געבליבען מוסכם ביי אלע,
מען זאל צונויפשטעלען א קאמפאניע פון א פאר שענע יודען מיט דעם
סופר, וואס זיי איינאיינעם זאלען ארומגעהן אין אלע הייזער כסדר נאכ'ן
צעטעל און אומעטום בודק זיין, רעווידירען די מזוזות. און ווייל די
אסיפה האט אויף דעם ענין געקוקט ווי אויף א קהלשער זאך, א טובה פאר
דער שטאדט, לכן איז געבליבען, אז בכדי אויסצושטעהן די הוצאות,
וואס אזא קאמפאניע בעדארף קאסטען, זאל מען ארויפציהען דעם מקח
פון פלייש... און מנגיארעווקע איז דא א ווערטיל: פון וואס מען זאל
נים שמועסען, מוז ארויסקומען אויפ'ן טויט, און פון וואס מען זאל נישט
רעדען אויף איין אסיפה, מוז מען אויסלאזען מיט דער טאקסע פון
פלייש. און באמת איז עס טאקי על פי דרך הטבע, אנדערש קען עס
טאקי נאר נישט זיין. דער שכל איז אויך אזוי מחייב, ווארום סוף
כל אדם למות וסוף יהודי לטאקסע, דאס טייטש: דער סוף פון א מענשען
איז צו שטארבען און דער סוף פון א יודען — צו צאהלען טאקסע! דער
טויט און די טאקסע—דאס זענען בטבע אזעלכע צוויי זאכען, וואס מען
קאן פון זיי בשום אופן נישט פטור ווערען. אזוי האט דער אויבערשטער





בעשאפען די וועלט, און ווי ער האט זי בעשאפען, אזוי איז גוט, אזוי
בעהר עס זיכער צו זיין. קשיות פרעגען נאר אפיקורסים...

שפעטער אביסעל האט מיט בנימינ'ן זיך פערלויפען א מעשה,
וואס ער האט מיט איהר קונה שם געווען. ארויסגעהענדיג איינמאל פון
דער שטאדט, תמוז אין א הייסען טאג צוועלף אזייגער אין דער פריה,
סאמע ווען די זון האט געבראטען, איז ער פערגאנגען טיעפליך אין
א וואלד, אקעגען א דריי תחום-שבת'ן פון דער שטאדט. מיט זיך אין
דער קעשענע האט ער געהאט זיינע ספרים, וואס אהן זיי פלעגט ער
נישט געהן קיין טריט. ער איז געזעסען אין וואלד אונטערגעלעהנט
אונטער א בוים און האט געשמאק געטראכט. צוטראכטען האט ער גע-
האט זעהר פיעל. באלד איז איהם דער קאפ פערפלויגען ווייט אהין אין
יענע לענדער איין עק וועלט. ער איז געגאנגען איבער בערג, איבער
טאלען, איבער מדבריות און אלע ערטער, וואס שטעהען אין זיינע
ספרים. ער האט געוואנדערט'וועט פוס-טריט נאך אלכסנדר מוקדון, נאך
אלדר הדני וכדומה, ער האט געזעהן דעם שרעקליכען פיפערנאטער,
דעם לינדעגוווארעם, שלאנגען, עקדישען און אלע מיני שלעק אי משלחת'ן.
ער האט זיך צוגעשלאגען צו די רויטע יודלעך און גערעדט מיט די בני
משה. דערנאך איז ער בשלום צוריקגעקומען צו זיך און האט געטראכט,
ווי אזוי און ווען זשע זאל ער שוין טאקי מאכען די נסיעה.

אין מחשבות'ן איז דערווייל צוגעפאלען די נאכט. ער איז אויפגעשטאנען,
אויסגעגלייכט די ביינער און זיך געלאזט געהן א היים. ער געהט און געהט, נאך
אלץ נישט פונ'ם וואלד ארויס. ער געהט א שעה, צוויי, דריי, פיער שעה, ס'איז
קיין סוף, קיין עק. ער האט נאך טיפער אין וואלד זיך פערשלאגען און-דא
איז פינסטער, חאטש איין אויג ארויסצונעהמען. פלוצלים איז נאך געווא-
רען א שטורמווינד מיט א שלאקסרעגען, עס האט געבליצט, געדונערט און
די ביימער האבען גערוישט א שרעק! בנימין איז געבליבען שטעהן, דער
רעגען האט איהם געוואשען, א צאהן אן א צאהן האט איהם געקלאפט
פאר קעלט, פאר נעץ און פאר גרוים פחד. עס האט איהם זיך געדאכט,
אט פאלט אויף איהם אן א בער, אט פערצוקט איהם א לייב, א לעמפערט,
אט נעהמט דער מאטויל, וואס כפי עס שטעהט אין „צל עולם", איז ער
א גרויסער, א לאנגער מין בעשעפעניש מיט צוויי לאנגע הענד. מיט
זעלבע ער ווארפט אנידער א העלפאנד. אנגסטען האבען איהם בעשלא-

נען, נעבעך. און דא איז ער נאך מיט הונגעריג, חוץ א רעטישען קיכעל איז דעם גאנצען טאג אין זיין מויל נישט געקומען, ער האט פאר אלע צרות זיך גענומען דאוונען מעריב און געדאוועט מיט התלהבות פונים גאנצען הארץ.

נאט האט געהאלפען, ס'איז טאג געווארען. אונזער בנימין נעהמט זיך ווייטער צום געהן אויף גאטס בעראטה. ער געהט, ער געהט, ביז ער שלאגט זיך צום סוף ארויף אויף עפּיס א שמאל'ען וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאנגען אקעגען א שעה צוויי און פלוצלים דערהערט ער פון דער ווייטענס א קול פון א מענשען. אנשטאט ער־אל מיט דעם קול זיך דערפרעהען, איז ער, שונא ציון, פערצאפּעל'ט געווארען. איהם האט זיך נישט אנדערש געדאכט, אז דאס איז אוודאי א גזלן. מחמת שרעק האט ער זיך געלאזט לויפען צוריק אהן אטהעם, באלד אבער האט ער זיך בעטראכט: פע, בנימין! דו ווילסט וואנדערען אזוי ווייט איבער ימים און מדבריות, וואס דארט שווימעלט און גריבעלט פון עקדישען, פון חיות רעות און ווילדע אומות, און דא האסט דו מורא פאר'ן געראנק, מאמער בעגעגענסט־דו א גזלן. אי, פע, מעגסט, כ'לעבען, זיך שעהמען, בנימין. איז דען אלכסנדר מוקדון אויך אנטלויפען אזוי ווי דו? האט דען אלכסנדר מוקדון אויך אזוי ווי דו זיך מיאש געווען, בשעת ער איז געפלויגען רייטענדיג אויף זיין אדלער און ס'איז אויסגעגאנגען דאס פלייש פונים שפּיז, וואס דער אדלער פלעגט עס פּיקען און פליהען דורכדעם אלץ העכער? ניין, אלכסנדר מוקדון איז נישט אנטלויפען, אלכסנדר מוקדון האט ביי זיך אליין אויסגעשניטען א שטיק פלייש און ארויפגעשטאכען אויפ'ן שפּיז! אדרבה שטארק זיך, בנימין, דאס וויל גאט דערמיט דיך נאר אויספּריווען. האלטסט־דו אויס די פּראבע, אז וואויל און גוט איז דיר דענסטמאל! דענסטמאל, בנימין, ביסט דו א מענש און וועסט טאקי ווערט זיין צו האבען די זכיה פון השם יתברך צו דערגרייכען דיין וואונש וועגען די בני משה און מיט זיי איבערשמועסען מכח דעם כלל ישראל אין אונזער ווינקעל; דערצעהלען זיי גאנץ בפרטיות די הנהגות פון אונזערע יודעלעך דא, וואס זיי טהוען און וואס זיי מאכען. וועסט דו איצט אויסשטעהן נאך אי די דאזיגע פּראבע און געהן צוריק אקעגען דעם קול, דענסטמאל ביסט דו מנצח אלע פחדים און שרעקענישען. וועסט ווערען א כלי־שלמה, א ברכה, א בענשונג צווישען די קינדער ישראל און אנטאן כבוד גאנץ





טונעיאדעווקע. טונעיאדעווקע און מוקדון—דאס וועלען זיין צוויי ערטער גלייך בעקאנט אין דער גאנצער וועלט דורך אלכסנדר טונעיאדעווקער און בנימין מוקדון!...

אונזער בנימין האט זיך אומגעקעהרט טאקי צוריק און איז געגאנגען בעהארצט ווי א גבור מיט גרויס בטחון, ביז ער האט פאר זיך דערזעהן דעם גזלן. דאס איז געווען א פויער, וואס איז געפאהרען אויף א פאר אקסען מיט אנגעלאדענע זעק אין וואגען.

— דאברי־דיען! — האט בנימין צוגעהענדיג א זאג געטאן ראפּטאם אויף א משונה קול, וואס ער האט אין זיך געהאט אלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי ווי איינער זאגט: נא, נא טהו מיט מיר וואס דו ווילסט! אי עפּיס ווי א בקשה: גוואלד, האב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, נעבעך!

אבזאגענדיג, אדער אבשרייענדיג אי אבוויינענדיג דאס „דאברי־דיען" איז בנימין געבליבען אהן לשון חי דערווארגען. דער קאפּ האט איהם זיך פאדרעהט, און די אויגען איז איהם געווארען פינסטער, די פיס האבען איהם אויפגעהערט צו דינען און ער איז טויט אנידערגעפאלען אויפ'ן ארט.

אז ער האט אויפגעעפענט די אויגען און איז צו זיך געקומען, האט ער זיך געפונען ליגענדיג אין וואגען אויף א גרויסען זאק קארטאפּלעס, איבערגעדעקט מיט א גראבער סוויטע. צוקאפּענס איז איהם געלעגען א געבונדענער האהן, וואס האט אויף איהם געקוקט אין דער זייט מיט איין אויגעל און איהם געגראבעלט מיט די נעגעל. צופוסען איז געשטאנען אנגעשטעלט קערבעלעך מיט יונגען קנאבעל אי ציבעלעס און שאר ירקות. אייער, א פנים, איז דארט אויך געלעגען, ווארום פלאווע זענען געפלויגען און איהם פערשאטען די אויגען. דער פויער איז געזעסען, גערויכערט גאנץ רוהיג דאס ליולקעלע און אימליכע רגע אויף די אקסען אונטערגעשריגען: סאפּ, הייטא, סאפּ! די אקסען קוים וואס זיי האבען זיך גערוהרט, און די רעדלעך פונ'ם וואגען האבען משונה געסקריפּעט איטליכעס אויף איין אנדער קול. אינאיינעם איז אויסגעקומען עפּיס א סקריפּענדיגער קאנצערט, וואס האט געגרילצט אין די אויערען. דעם האהן א פנים, ווי עס האט אויסגעזעהן, איז אזא סקריפּעריי אויך נישט געווען לרצון, ווארום איטליכעס מאל בשעת די רעדלעך פלעגען אינגאנצען זיך אומדרעהען און אויסלאזען אויף א סווישטש מיט א שלשלת, פלעגט ער בנימינ'ן א שטארקען גראבעל טאן מיט די נעגעל און א קרעה

געבען קוקוריקו מיט כעס, מיט אימפעט, אַז עטליכע רגע דערנאָך פלעגט ביי איהם חאַרחלען פערדומפען אינעווייניג אין האַלז. בנימין האָט זיך נישט געפיהלט קיין גאַנץ אבר און איז געלעגען אַ היבשע צייט שטאַרק פערדולט: אַ שפּאַס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, שרעק, הונגער, געין און קעלט! עס האָט איהם זיך גערעכט. אַז אַ טערק האָט איהם געפאַנגען אין דער מדבר און פיהרט איהם פערקויפען ערגיץ פאַר אַ קנעכט. ניחיי, האָט ער געטראַכט, ניחיי זאָל ער מיך חאָטש פערקויפען צו אַ יודען, וואָלט איך נאָך געקענט פּאָרט עפּיס אויפגעריכט ווערען, און באַם אָבער, ער וועט מיך פערקויפען צו אַ פּרינץ אָדער, חלילה, גאָר צו אַ פּרינצעסין פון די אומות העולם, בין איך דאָך פערלוירען, פערלוירען אויף אייביג. דערצו נאָך האָט ער זיך גראַד דערמאָנט די מעשה פון יוסף הצדיק מיט זליכה'ן און האָט מחמת יסורים אַ שטאַרקען קרעכץ געטאָן.

דער פויער האָט זיך אומגעקוקט, אַז ער האָט דערהערט בנימינ'ס קרעכץ, זיך צוגערוקט נעהנטער און איהם אַ פרעג געטאָן.

— נו זשידקאָ, אַ שטשאָ, טראָשקע ליפּשע

דער קאָפּ איז בנימינ'ן באמת געוואָרען אַביסעל פרייער און ער האָט זיך דערמאָנט אינגאַנצען, וואָס מיט איהם איז פאָרגעגאַנגען. ער האָט אָבער זיך געפיהלט זעהר אין אַ שלעכטער לאַגע: גוויאיש קען ער במעט נישט קיין וואָרט, היינט וואָס=זשע טהוט מען דאָ? ווי ענטפערט מען דעם ערל און ווי טענה'ט מען מיט איהם, זיך דאָ אויס, צו וויסען אַקוראַט, וואָהין ער פיהרט מיך?

ימין האָט געפּרוּווט זיך אויפזועצען, נאָר אומזיסט. די פּיס האָבען איהם שטאַרק געבראָכען.

— טראָשקע טעבע ליפּשע? האָט איהם דער פויער ווייטער אַ מאָל געפרעגט און מאַקי בנשימה אחת אַ מאַך געטאָן

— סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— ליפּשע. רק ריבי מאָי אָי, אָי, אָי! האָט בנימין געענטפערט ווי ער האָט, נעבעך, געקענט און איהם געוויזען אויף די פּיס.

— איזווידקי טי זשידקאָ?

— איזווידקי טי זשיטקע?! האָט בנימין געמאַכט מיט אַ ניגון, ווי אַ מהפך-פּשטאָ, יאַ ניאָמקאַ, בניאָמקאַ אוב טונעיאַדעווקו!

— טי איז טונעיאַדעווקי? קאַזשי=זשע, שטשאָ טי וויטאַראַשטשיל גאַ מעני אָטשי אי גליאַניש יאַק שילאַני. אַליע מאָזשע טי מאַקי אי שילאַני. פּראָסטאָ טוואָי מאַטערי. סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!





— יאַ, סטיטש, יאַ טעבי לכתחלה קאַזאַטע, יאַ ניאָמקע סאַם אוב טונעיאַדעווקו! האָט בנימין געענטפערט, געמאַכט דערביי אַ רחמנות=פּנים, אַ וווּיז געטאָן מיט דער האַנד און געבעטען רחמים: גוואַלד אוב טונעיאַדעווקי זשינקאָ טעבי דאַם טשאַרקע שליש אי שאַבאַשקאָווע בולקע, אַי דאָברע דאַנקויעם טעבי.

דער פויער, אַ פּנים, האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס בנימין מיינט.

— דאָברי זשידקאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אויף זיין אָרט מיט דעם פּנים צו די אָקסען און געמאַכט סאָפּ, הייטאַ! —

אַקעגען אַ פּאָר שעה אַרום איז דער וואָגען אַרויפגעפאָהרען גלייך אויפ'ן מאַרק אין טונעיאַדעווקע, ווייבער און מאַנסביל האָבען זיך אַ שאָט נעגעבען אַקעגען מיט פערשיעדענע שאלות. דער שרייעט:

— טשויעש סקילקע חאָטשעם זאַ פויען? זאַ ציבולי?

יענער פרעגט.

— מאָזשע מאַיעש קאַרטאָפּלי, יאַיצי?

בתוך הבאים קומט איינער מיט אַ שאלה:

— טשויעש מאָזשע טי באַטשיל נאַ דאָראָגי זשידקאָ? אוּ נאַס יעדין זשידקאָ, בניאָמקאַ, ווטשאָראַ פּראָפּאַל יאַק אוב וואָדי.

און איידער דער פויער האָט אויספייעט איטליכען צו ענטפערן, זענען די אַלע ווייבער ווי די היישערעקען איבערגעפאַלען דעם וואָגען, האָבען אויפגעדעקט די כווּיטקע און אין איין קול אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— בנימין!... ער איז, דאָ! ציפּע קרוינע! בת-שבע=בריינדיל, לויפט גיכער צו זעלדען מיט דער גוטער בשורה, אַז איהר שאָדען האָט זיך אָבגעזוכט! זי וועט שוין נישט זיין קיין ווייסטע עגונה.

ס'איז געוואָרען אַ רעש, אַ צונויפלויפעניש, גאַנץ טונעיאַדעווקע האָט זיך געווינט, קינד און קייט זענען געלויפען אָנקוקען בנימינ'ן. מען האָט איהם פערוואָרפען מיט רעד, מיט שאלות, מיט ווערטלעך, מען האָט דערצעהלט, אַז דעם גאַנצען נעכטיגען טאָג מיט דער נאַכט האָט מען איהם געזוכט, געאַקערט, מען האָט איהם שוין געהאַלטען פאַר אַ קדוש און זיין ווייב פאַר אַ ווייסטע עגונה.

פלוצלים אין מיטען געמימעל איז דאָס ווייב זיינס צוגעלויפען מיט אַ געוויין, זי האָט געבראָכען די הענד אָנקוקענדיג איהר בעשעהרטען, ווי ער ליגט בלייך און טויט און קען קיין ריהר זיך נישט טאָן. זי האָט, נעבעך, אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי איהם שילטען, אויסזאָגען, צו איהם איהר שווער ביטער געמיט, צו זאָל זי אַרויסווייזען

איהר פרייד, איהר שמחה, וואס נאָך האָט זי, חוץ די ענונה; אויפנעריכט.

אין עטליכע מינוט ארום האָט מען בנימינ'ן אזוי טאַקי ווי ער איז געלעגען אויפ'ן זאַק קאַרטאָפלעס, געפיהרט צו זיך אַ היים איבער דעם מאַרק מיט אַ גרויסער פאַראַדע דער גאַנצער טונעיאַדעווקער עולם פון קליין ביז גרויס האָט איהם אָבגעגעבען כבוד, קיינער האָט זיך נישט געלאָזט בעטען, און איהם בעלייט מיט אַ רעש, מיט אַ געשריי: קדוש! קדוש! קדוש!

דער נאָמען קדוש איז בנימינ'ן פון דענסטמאָל אָן טאַקי אויף תמיד געבליבען, ער האָט געהייסען בנימין דער קדוש און זיין ווייב זעלדע די ענונה.

דער טונעיאַדעווקער מומחה איז נאָך דעם טאָג טאַקי צו בנימינ'ן געקומען און האָט איהם געגעבען ראַטוניק מיט אַלע התחבולות, וואָס איז נאָר מעגליך געוועןָ. ער האָט איהם געשטעלט באַנקעס אי פיאַווקעס, אַז נאָך אויך איינגאַנצען איהם אָבגעגאָלט און געזאָגט פאַר'ן אוועקגאַנג, אַז נאָך די אַלע מיטעל וועט ער, אם־ירצה־השם, געזונט ווערען און וועט נאָך מאָרגען קענען, אויב ער וועט כח האָבען, געהן אין בית מדרש אַריין צימל בענשען.

# דאס דריטע קאַפּיטעל.

## ווי בנימין סקאַמפּאַנייעט זיך מיט סענדעריל דער יודענע.

די דאָזיגע מעשה, וואָס מיט בנימינ'ן האָט זיך געטראָפען, וואָס האָט אָנגעמאַכט אזוי פיעל יסורים זיין ווייב, אזוי פיעל לייטישע רייד אי אין דער שטאָדט, אי דאָרט אונטערען אויווען, אי אויף דער אויבערשטער באַנק, האָט אין פלוג, דאַכט זיך, בעדאַרפט אויף אייביג פון איהם אַרויסשלאָגען דעם געדאַנק פון זיין נסיעה אין די ווייטע מקומות, נאָר אָבער אַ טעות, פאַרקעהרט, עס האָט נאָך אין איהם דעם דאָזיגען געדאַנק ערשט בעסער אַריינגעשלאָגען. ער האָט פון דענסטמאָל אָן אויף זיך געקוקט מיט דרך ארץ ווי אויף אַ מענשען, אַ געניטען. וואָס איז געווען אין זיין לעבען אויסגעשטאַנען, ער איז ביי זיך געוועןָ צעהן מאָל טייערער פאַר זיין בעהאַרצטקייט, פאַר זיין שטאַרקייט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַנען אזוי פיעל שווערע פראָבעס און גובר געוועןָ איינגאַנצען די טבע זיינע. ער האָט אָנגעהויבען זיך צוהאַלטען פאַר אַ גבור, פאַר אַ חקרן, וואָס האָט אַ ידיעה אין אַלע שבע חכמות, וועלכע עס געפינען זיך נאָר אין דעם „צל עולם", וואָס האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פויק אין אַזעלכע מיני ספרים און ווייסט וואָס אויף דער גאַנצער וועלט טהוט זיך. ער האָט אָנגעהויבען אַליין אויף זיך אַ מבין צו ווערען און זיך אַליין צו־בעדויערן, וואָס ער, אַזאַ מענש ווי ער, געפינט זיך, נעבעך, כשושנה בין החוחים, ווי אַ רויז צווישען דערנער, וואו? אין טונעיאַדעווקע. אין

אַזאַ העק, צווישען פּראָסטע מענשען, וואָס פאַרשטעהען נישט און ווייסען נישט פון זייער לעבען צוזאָגען! די לייטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס זענען איבער איהם געפאַלען, זיי האָבען אדרבא איהם ערשט געטריבען אין וועג אַריין. עס האָט איהם זיך געגלוסט ווי צום גיכסטען אוועק פון טונעיאַדעווקע. ווי דערלעב איך שוין, פלעגט ער אַלץ טראַכטען, זיך אוועקצולאָזען אַהין, ווייט, און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחכות אויף יודען, מיט כבוד און מיט אַ גוטען נאָמען אין דער וועלט, און דענסטמאָל וועט גאַנץ טונעיאַדעווקע וויסען, פון קליין ביז גרויס, וואָס איך בנימין בין, וואָס איך בנימין בעטייט...

בנימינ׳ן האָט לעת-עתה אָבגעהאַלטען פון דער נסיעה נאָר די דאָזיגע קליינע מניעות: ערשטענס וואו געהמט מען אויף הוצאות? ביי איהם אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפונען קיין גראָשען אין קעשענע. ער פלעגט תמיד זיצען לעדיג אין בית-המדרש און זיין פלוניתטע איז געוועזן די אשת חיל, די פרנסה-געבערין פון אַ נאַס אַפּטייקעל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכ׳ן קעסט אַראָבגעהענדיג, און, משטיינס-געזאָגט, וואָס דאָס גאַנצע קלייטעל האָט אָנגעטראָפען. ווען זי זאָל דער ביי נישט געווען אַרבייטען זאַקען, נישט פליקען ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט פעדערן, נישט פרעגלען אויף-צופירקויפען פסחדיג שמאַלץ, נישט איינהאַנדלען אַמאָל אין אַ מאַרק-טאָג ביי איהרע בעקאַנטע פּויערים קיין ביציאות, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נשמה צורעכהאַלטען. פערקויפען עפּיס פון שטוב-זאַכען? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? אַ פּאָר מעשענע לייכטער, וואָס זענען זעלדען געבליבען ירושה פון איהרע עלטערן, אין וועלכע זי בענשט ליכט, שייערט עס תמיד און זיך דערמיט שטאַרק מהנה. קיין ציהרונג האָט זי נישט חוץ אַ זילבערען דייפעניע מיט אַ פּעריל פון איהר מאַמעס שטערענטיכעל, וואָס דאָס ליגט ביי איהר פערשלאָסען און טהוט עס אָן נאָר אַ מאָל בשעת אַ גרויסע שמחה אָדער בשעת אַ מזל-טוב אָבגעבען. פערקויפען זשע עפּיס פון זיינע חפצים? נאָר אינגאַנצען האָט ער געהאַט אַ שבתדיגע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פון דער חתונה אָן, צוהאַקט, צופאַלען פאָרענט אי הינטען און דער גלעטער אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט. אמת, ער האָט געהאַט אי אַ כולעפיל, נאָר, משטיינס-געזאָגט, אַ טולעפיל, ס׳האָט נאָר אַזוי געהייסען דער קאָלנער מיט גאָרנישט בעלעגט. בשעת זיין חתונה האָט דער טאַטע זיינער, איהם צו לאַנגע יאָהר, געהייסען נישט זשאַלעווען, אדרבה מאַכען אַ לאַנגען קאָלנער פון דער פולער האַנד און אָבשטעפען





איהם לעת-עתה פון אויבען מיט אַ שטיק אונטערשלאַק, וואָס איז געבליבען יתור פון זיין קאַפּאָטע. און האָט דערביי זיך מתחייב געווען ביים סילוק׳ן דעם מותר פונים נדן, אונטערשלאָגען דעם טולעפיל מיט פוטער און בעלעגען דעם קאָלנער מיט פיי. דעם נדן האָט ער נישט געסילוקט און דער טולעפיל מיט דעם קאָלנער זענען געבליבען אַזוי ווי ס׳איז געווען ביז דעם הייניגען טאָג...

אַחוץ דעם האָט בנימין נישט געוואוסט, ווי מען רייסט זיך אַרויס פון דער היים.

איבערשמועסען מכח דער נסיעה מיט זיין פלונית׳טע און אַרויסזאָגען איהר די גאַנצע זאַך בפירוש? חלילה וחס! עס וואָלט געוואָר׳ן אַ ליאַרעם, אַ געפילדער, זי וואָלט איהם אָבגעווייגט מיט טרעהרען און איהם געהאַלטען זיכער פאַר ריין משוגע, וואָרום ווי האָט אַ יודענע שכל אַזעלכע ענינים משיג צוזיין? אַ יודענע, אַז זי איז שוין אַפילו גאָר די אשת חיל, איז זי דאָך פאָרט נישט מעהר ווי אַ יודענע. וואָס דער מינדסטער מאַנסביל האָט אין נאָגעל, האָט עס נישט, און קען עס גאָרניט האָבען די פיינסטע און די קלינסטע יודענע אַפילו אין איהר קאָפּ...

אוועקגעהן זשע בשתיקה און דעם זיי-געזונט פאַרגעסען? איז עפּיס אויך פּריקרע, דאָס איז אַ ביסיל מעשה ליטוואַק. ווידער זשע בלייבען זיצען אין דער היים און אָבזאָגען זיך פון דער גאַנצער נסיעה? דאָס איז ריין אונמעגליך. עס הייסט אַזוי פיעל ווי אַ מעשה אָנטאָן זיך.

די נסיעה איז בנימינ׳ן געוואָרען די צווייטע נאַטור, ווי אַ יוד כוז דריי מאָל אין טאָג דאַוונען, אַזוי האָט ער געמוזט איטליכע רגע אין דער נסיעה טראַכטען. אַפילו אין שלאָף איז זי איהם פון זינען נישט אַרויס, און האָט איהם זיך שטענדיג געחלומט. זי האָט טיעף זיך איינגעוואָרצעלט איהם אין האַרץ און זיך בעשעפטיגט געמאַכט מיט זיינע אויגען און אויערען אַזוי, אַז ער האָט אויפגעהערט צוזעהן אי צוהערען דאָס אַלעדינג, וואָס פאַר איהם, ער האָט נאָר געזעהן אי געהערט דאָס וואָס טהוט זיך דאָרט, דאָרט העט ווייט אין יענע מקומות. נישט איינמאָל פלעגט ער אין אַ שמיעס מיט עמיצען פלוצלים אַריינמישען: הינדיאָ, סמבטיון, אַנטיקודיאָ, פיפערנאָטער, לינדענוואָרעם, אייזעל, מולאייזעל, באָקסאַר, כצפיחית, טערק, טאָטער, גזלן וכדומה נאָך אַזעלכע ווערטער.

די נסיעה האָט געמוזט געמאַכט ווערען, נאָר וואָס טהוט מען מיט די מניעות? דאָ האָט ער זיך קיין עצה נישט געקענט געבען. ער האָט

געפיה״ט, אז ער בעדארף האבען איינעם, מיט וועמען ער זאל קענען מכח דעם זיך מישב זיין.

איש אחד היה בטונעיאדעווקע, איין מענש איז געווען אין טונעיאדעווקע ושמו סענדעריל און ער האט געהייסען סענדעריל, נאך זיין על-טערוויירען רב ס ע נ ד ע ר י ל. זה הסנעדעריל, דער סענדעריל, היה איש פשוט, איז געווען א פשוט מענשעל, דאס הייסט, א פראסטער אהן הכמות. אין בית המדרש האט ער געהאט א שטאט אונטער דער בימה און דאס אליין איז שוין דער בעסטער סימן, אז ער איז ניט געווען פון די טונעיאדעווקער פיינע בריות, פנים דארטינען צימעס און דער גיל-דענער פאן. די שמועסען אין בית המדרש אדער ערגיץ אנדערש פלעגט ער דאס רוב צוהערען שטיל, ווי א זייטיגער פארשוין. נאר פלעגט ער א מאל זיך אנרופען א ווארט, האט עס אנגעמאכט א גרוים געלעכטער, נישט מחמת דרינען איז געלעגען עפים א ווילדע חכמה אדער א גרויסע המצאה, ניין, נאר גלאט זיינס א ווארט האט עפים געמאכט לאכענדיג, האטשע, ער האט עס, נעבעך, געזאגט גאנץ פשוט בהתמימות און האט כלל גאר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאכענדיג צומאכען. אדרבא, אז מען פלעגט לאכען, פלעגט ער אויסשטעלען א פאר אויגען און אנקוקען, פאר וואס מען לאכט. פאראיבעל האבען דערפאר פלעגט ער קיינמאל נישט, ווארום ער איז בטבע געווען א גוטער, א שטיל מענשעל, ווי עס גיט זיך א מאל אוים א שטילע קוה; ער האט גאר נישט געוואוסט, אז מען בעדארף פאראיבעל האבען. יענער לאכט, נו, מילא, לאז ער זיך לאכען, מסתמא האט ער דאך הנאה.

דאך מוז מען מודה זיין, אז אין סענדערילס א ווארט איז א מאל געלעגען טאקי איין אמת גלייכער איינפאל, האטש ער אליין האט עס גאר אזוי ווייט נישט געמיינט און דאס געזאגט גלאט בתמימות, מיט איהם פרעגט מען ליב האבען קאטאוועס צוטרייבען. דער גרעסטער טייל בערלעך אין תשעה-באב זענען אין זיינע פאות איינגעפלאנטעט געווען. דער בעס-טער חלק קישעלעך, וועלכע מען ווארפט הושענא רבה ביי דער נאכט ביים אויפזיין, איז איהם אנגעקומען. אקעגען זשע דער קלענסטער חלק רעטשען קיכעל און בראנפען פון תיקון אדער גלאט אזוי בראנפען — איז ווידער טאקי אין איהם אנקומען.

הכלל סענדעריל איז תמיד און אומעטום געווען דאס כפרה-הינדעל. סענדערל איז בטבע נישט געווען, ווי אנדערע, קיין עקשן; האט איינער געזאגט אזוי, איז פון זיינטוועגען רעכט געווען אזוי. סענדעריל האט





געטאן יענעמס רצון, נישט מחמת מבטל-צו-זיין זיין רצון, כדי יענער זאל דערפאר מבטל-זיין זיין רצון פאר זיין רצון, נאר גלאט, פראסטע איז מאסטע, ער האט געטאן יענעמס רצון.

— וואס ארט עס מיך? — איז זיין שטייגער געווען צוזאגען. — וואס פאר א דאגה איך האב? דו ווילסט דווקא אזוי, נו זאל זיין אזוי.

צווישען יונגלעך איז סענדעריל געווען א יונגעל. ער פלעגט עפטערס געהן, שמיעסען, זיך שפילען מיט זיי אינאיינעם און האבען דערפון תענוג. צווישען זיי איז סענדעריל באמת געווען ווי א שטילע בהמה, וואס לאזט צו זיך צו קינדער, זיי זאלען אויף איהר רייטען און איהר קראצען די מארדע. קונדסים פלעגען איהם קריכען אויפ'ן קאפ און צופען איהם ביים בערדיל. אנדערע פלעגט עס א מאל ארעז און פלעגען אנשרייען:

— תרבית, שקצים, פאר איין עלטערען, פאר א יודען מיט א בארד! וואס צופט איהר איהם דאס בערדיל?!

— נישקשה, נישקשה, — פלעגט סענדעריל זיך אנרופען, — וואס ארט עס מיך? וואס פאר א דאגה איך האב? זאלען זיי מיך אביסיל קראצען.

ביי זיך אין דער היים האט סענדעריל, נעבעך, קיין האניג נישט געלעקט. זיין ווייב איז געגאנגען אין ספאדיק און ער האט ביי איהר געהאט א וויסטען, ביטערען חלק. זי פלעגט איהם האלטען אין דער מורא, א מאל דערלאנגען א זעץ און ער, נעבעך, האט עס געמוזט מקבל באהבה זיין. אונטער א יום טוב פלעגט זי איהם אנידערשטעלען אויסווייסען די שטוב און אונטערבינדען איהם דאס בערדיל מיט א טיכעל. ער פלעגט איהר שיילען קארטאפלעס, קאטשען און בראקען לאקשען, אנפילען פיש, אנטראגען אי אריינלייגען אין אויווען האלץ און אונטער-הייצען, א קוראט ווי א יודענע. דעריבער האט מען איהם טאקי גערופען: „סענדעריל די יודענע“.

אט דעם „סענדעריל די יודענע“ האט אונזער בנימין אויסגעקליבען איהם צועפענען דאס הארץ און מיט איהם זיך שואל בעצה זיין, וואס ער זאל טאן. דער טעם דערפון: פאר וואס גראד סענדעריל? איז דער, ווייל בנימין האט תמיד געפיהלט צו איהם עפים א שטיקעל ליבשאפט. סענדעריל איז אין פיעל זאכען איהם זעהר געפעלען, ער האט אין א סך ענינים זיך מיט איהם אויסגעגלייכט און פלעגט א מאל אין א שמיעס מיט איהם זיך פשוט מחיה זיין. מעגליך אפשר נאך אי צוליב דעם אויך,

וואָס בנימין האָט געדעכענט דערויף, וואָס סענדעריל איז קיין עקשן נישט. ער, סענדעריל, וועט זיין פּלאַן אננעהמען און איהם נאָכגעבען אַלסדינג, וואָס ער וועט איהם זאָגען. און אויב סענדעריל וועט אפשר אין עטליכע פונקטען זיך איינשפּאַרען, וועט ער איהם מיט גאָט'ס הילף און מיט זיין חלקת הלשון גובר זיין..

ויהי כבוא בנימין לסענדעריל.-און אַז בנימין איז געקומען צו סענדערלען, האָט ער איהם געטראָפען כשהוא יושב על ספסל החלב וקילף קאַרטאָפּלעס, ווי ער זיצט אויף דער מילכעדיגער באַנק און שיילט קאַרטאָפּלעס. איין באַק האָט איהם שטאַרק געפּלאַמט און אונטער'ן איין איז איהם געווען בלוי מיט אַ גראָבעל, עפּיס ווי מען דערלאַנגט אַ קרעל מיט אַ נאָגעל. ער איז געזעסען ווי אַ נעכטיגער, בעטריבט און פער-אומערט ווי אַ יונגער, וואָס דער מאַן איהרער האָט זי אַוועקגעוואָרפען און איז אַוועקגעגאַנגען למדינת הים, אָדער ווי אַ אשה, וואָס דער מאַן האָט איהר דערלאַנגט אַ פּאַטש...

סענדעריל'ס ווייב איז נים געווען אין דער היים.

— גוט מאָרגען, סענדעריל! וואָס ביסט דו, סערדצע, אַזוי בע-טריבט! האָט בנימין געזאָגט אריינקומענדיג און געוויזען סענדערלען מיט אַ פינגער אויף דער באַק. הא, וויטער זי? וואו איז זי, די בחורטע?

— אין מאַרק.

— גאַנץ גוט! — האָט בנימין כמעט אַ געשריי געטאָן פאַר גרויס שמחה. לעג אַוועק, נשמה מיינע, דיינע קאַרטאָפּלעס און קום מיט מיר אין אַלקיר אריין. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שומר מיט דיר בעדאַרף איך איצט נישט האָבען, איך וויל דיר ענטפּלעקען מיין האַרץ. איך קען מיר שוין נישט איינהאַלטען, עס קאָכען אין מיר די געבליטען, אַך גיכער סערדצע, גיכער, זי קען נאָך אָנקומען און אונז שטערען איידער מיר וועלען פאַרטיג ווערען.

— וואָס אַרט מיך? דו ווילסט מאַקי גיך, זאָל זיין גיך, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? — האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און איז אריין אין אַלקיר.

— סענדעריל! — האָט בנימין אָנגעהויבען מיט אַזאַ שמועס, זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אויף יענער זייט טונעיאַדעווקע איז?

— איך ווייס. דאָרט איז די פּריטשעפּע, וואו מען בעקומט אַ מאָל אַ גוט ביסעל בראָנפען.

— דו ביסט אַ נאַר, איך מיין וויטער, אַ סך וויטער.





— נאָך וויטער פון דער פּריטשעפּע?! — האָט סענדעריל פער-וואונדערט זיך אָנגערופען. — ניין, וויטער דערפון ווייס איך ניט, און דו, בנימין, ווייסט?

— אויב איך ווייס? אַ שאלה אַביסעל, אייב איך ווייס? דאָ איז ערשט דאָ אַ וועלט? — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן מיט התלהבות, גלייך קאָלאָמבוס בשעת ער האָט ענטדעקט אַמעריקאַ.

— וואָס זשע איז אַזוינס דאָרטען?

— דאָרטען, דאָרטען,—האָט בנימין זיך צופלאַקערט,—פּיפּערנאָטער! לינדעגוואָרעם!....

— דער לינדענוואָרעם, מיט וועלכען שלמה המלך האָט געשניטען די שטיינער צום בית המקדש? — האָט סענדעריל אריינגערוקט זיין וואָרט בתמימות.

— יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט איז ארץ ישראל, דאָרט אַז יענע מקומות.... הא, דו וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט?

— און דו ווילסט?

— אַ שאלה. אַביסעל! איך וויל, סענדעריל, איך וויל און וועל מאַקי דאָרט באַלד זיין.

— איך בין דיר מקנא, בנימין. דו וועסט עס דאָרט זיך אָנעסען אַביסעל מיט באָקסערען און מיט טייטלען. האָ-האָ!

— דו, סענדעריל, קענסט עס אויך עסען ווי איך. דו האָסט אין ארץ ישראל אַזאַ חלק ווי איך.

— חלק האָב איך טאַקי. נאָר ווי קומט מען אָבער אַהין? דאָרט איז דאָך דער הוגר.

— דערצו, סענדעריל, איז דאָ אַ תרופה. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּיס פון די רויטע יודלעך?

— איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות איבער זיי אונטער'ן אויווען, נאָר וויסען אַקוראַט וואו זיי זיצען און ווי מען קומט צו זיי, דאָס ווייס איך נישט. איך זאָל וויסען, מסתמא, וואָלט איך דיר מודיע געווען. פאַר וואָס נים? וואָס אַרט עס מיך?

— העהע! זעהסט-דו, און איך ווייס, — האָט בנימין געזאָגט מיט גדלות און אַרויסגעריסען פון קעשענע דעם „שבחי ירושלים". זעהסטו אָט וואָס דאָ שטעהט. איך וועל דיר עס לייענען.

„אַז איך בין געקומען קיין ברוט"י, אַזוי שטעהט געשריבען, האָב איך געפונען פיער יודען פון בבל. האָב איך גערעדט מיט איינעם פון

זיי, וואָס האָט פערשטאַנען לשון קודש און האָט געהייסען ר׳ משה, האָט ער מיר דערצעהלט גאַנץ אמת׳ע זאַכען פונ׳ס טייך סמבטיון, אַז ער האָט געהאָרכט פון ישמעאלים, וואָס האָבען איהם געזעהן, און אַז דאָרט זענען דאָ די בני משה״. —

אויך זאָגט ער ווייטער: „אַז דער נגיד האָט מיר דערצעהלט, אַז אַ יאָהר דרייסיג אין דעם איז ביי איהם אַיינגעשטאַנען איינער, וואָס ער איז געווען פון שבט שמעון, און ער האָט געזאָגט, אַז אין זיין מקום זענען דאָ פיער שבטים, איינער פון זיי איז דער שבט יששכר, וואָס איז זיך עוסק אין תורה, און פון דעם שבט איז דאָ אַ מלך איבער זיי״. —

חוץ דעם שטעהט נאָך בפירוש אי אין דעם דאָזיגען ספר „מסעות בנימין״ אָט די ווערטער: „פון דאָרט איז אַ מהלך פון צוואַנציג טעג צו די בערג גיסבון. וואָס אויף דער טייך גוזן. אין די בערג גיסבון זענען דאָ פיער שבטים: דעם שבט דן, דער שבט זבולון, דער שבט אשר און דער שבט נפתלי. זיי האָבען מדינית און כרכים אין די בערג. פון איין זייט נעהמט זיי אַרום דער טייך גוזן, זיי האָבען ניט אויף זיך קיין יאָך פון די אומות, נאָר איין מלך איז דאָ איבער זיי און ער הייסט ר׳ יוסף אַמרכלאָ הלוי. און זיי האָבען אַ בריח, אַ בונד מיט דעם כופר אַל-תורך״. חוץ דעם שטעהט נאָך און נאָך זאַכען וועגען די בני רכב אין דעם לאַנד תימא, וואָס זיי האָבען איבער זיך אַ יודישען מלך און פאַסטען און בעטען גאָט תמיד אויפ׳ן גלות ישראל. נו, וואָס דיינקסט דו, סענדערצע, אַז זיי וואָלמען, אַ שטייגער, פלוצלים דערזעהן מיך, מיך זייער ברודער בנימין פון טונעיאַדעוועקע קומט צו זיי צו גאַסט? הא, וואָס דיינקסט דו סענדעריל? אדרבה זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו-דו דערצו?

— זיי וועלען פשוט זיך מחיה זיין, זאָג איך דיר, בנימין, אַ קאַטאָ׳ועם אַזאַ גאַסט, אַזאַ טייערער גאַסט! איטליכער וועט דיך פאַרבעטען צו זיך אויף אַ כאַהלצייט. דער מלך אַמרכלאָ מסתמא אויך. לאָז זיי דאָרט חאַטש פון מיר גאָר פריינטליך גערימען. איך זאָל קענען, וואָלט איך, כ׳לעבען, אויך מיט דיר אַהין געגאַנגען.

— האַ! האָט בנימין אַ מאַך געטאָן פערפלאַמט פון אַ נייעם געדאַנק, וואָס איז איהם איינגעפאַלען. הא! טאָמער באמת טאַקי, סענדעריל-סערדצע, וואָלסט-דו מיט מיר אינאיינעם געמאַכט די נסיעה. נאַרעלע, אַצינד, כ׳לעבען, האָסט-דו זעהר אַ גוטע געלעגענהייט. איך געה אַבליין אַהין, וועל איך דיך מיטנעהמען. נאַרעלע איינער, אין צווייען איז הײמ־ליכער. טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, חערען מלך-





ווער איך דיך מאַכען, כ׳לעבען, פאַר אַ משנה למלך. נאַ דיר מיין האַנד תקיעת-כף! וואָס ווערסט דו, נאַרעלע, דאָ זיצען און ליידען גלות, נעבעך, פון דיין פלוניהטע, די רשעיטע. קוק אָן, וואָס פאַר אַ באַק, נעבעך, דו האָסט. דו האָסט דאָך ביי איהר אַ וויסטען, פינסטערען מזל. כ׳לעבען סענדעריל, קום, ווערסט, נישקשה, קיין חרטה נישט האָבען.

— נאַ. — האָט געזאָגט סענדעריל, — אויב דו ווילסט דווקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. אַי זי? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? אַ נאַר וואָלט איך בעדאַרפט זיין איהר זאָגען, וואָהין איך לאָז מיך אַוועק.

— נשמה מיינע, לאָמיך דיך אַ קוש טאָן! — האָט בנימין אַרויסגעלאָזט מיט גרוים שמחה און פאַר ליבשאַפט אַרומגענומען סענדעריל די יודענע. דו האָסט מיר, נשמה מיינע, מיט איין וואָרט פאַרענטפערט אַ קשיא, אַ קלאָץ-קשיא! איך זאָג איצט אויך אַזוי ווי דו: אַי זי? מיינע, מיין איך. וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? ס׳איז אַבער דאָ נאָך אַ קשיא: וואו נעהמט מען אויף הוצאות?

— אויף הוצאות? דו ווילסט דען זיך אויסקליידען, בנימין, אָדער איבערניצעיוען דיין קאַפּאָטע. הערסטו-דו, און איך וואָלט געזאָגט, מען בעדאַרף, כ׳לעבען, נישט. אין וועג איז אדרבה גלייכער אַלטע קליידער. דאָרט וועלען מיר מסתמא בעקומען נייע שענע קאַפּאָטעס.

— יאָ, טאַקי אמת, דאָרט האָב איך שוין קיין דאגה נישט. מען בעדאַרף דאָך אַבער לעת-עתה ביז דאָרט האָבען עפּיס געלד פראָסט אויף צו עסען?

— וואָס הייסט, בנימין, אויף צו עסען? דו האָסט דען ברעה מיטפיהרען מיט זיך אַ קיך? צו וואָס? נישטאָ דען אויפ׳ן וועג קיין קרעטשמעס, קיין הייזער?

— איך פערשטעה דיך, סענדעריל, נישט, וואָס דו מיינסט, האָט בנימין פערוואונדערט זיך אָבגערופען.

— איך מיין, — האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות, — אַבי ס׳איז דאָ נאָר הייזער, קען מען אין איין וועג טאַקי געהן איבער די הייזער. וואָס טהוען דען אַל׳ע אַנדערע יודען? היינט געהען אַ טייל צו יענע אין די הייזער, דערנאָך געהען יענע פון זייער זייט צו אַנדערע אין די הייזער. ס׳איז דאָך אַ יודישע זאַך, נאָר אַ גמילות חסד....

— דו ביסט, כ׳לעבען, גערעכט! — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן

בשמחה. — אַ צינד איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אויב אַזוי בין איך, ברוך השם, אינגאַנצען פאַרטיג און פערזאָרגט מיט אַלסדינג. נאָך מאָרגען טאַקי, גאַנץ פריה אַז דער עולם וועט נאָך שלאָפען, קענען מיר אַוועקגעהן. פערליהרען צייט איז, כ׳לעבען, אַ עברה. דו ביסט מוסכם?

— דו ווילסט מאָרגען, זאָל זיין מאָרגען, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב?

— מאָרגען גאַנץ פריה, הערסטו, סענדעריל, וועל איך שטילערהייט אַרויסגעהן פון דער היים. נעבען דער פוסטער ווינטמיהל דאָרט וועל איך אויף דיר וואַרטען. געדענק זשע, סענדעריל, מאָרגען גאַנץ פריה זאָלסט דו אַהין אַרויסקומען. געדענק זשע, — האָט בנימין נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט און שוין געוואָלט אַוועקגעהן.

— וואַרט נאָר, בנימין, וואַרט אַביסעל! — האָט סענדעריל געזאָגט, זיך געבאַבערעט איבער דער בוזעם-קעשענע פונ׳ם לייביל און אַרויסדערטאַפּט פון דאָרט עפּיס אַ אַלט פערשוויצט שטיקעל יערכע, אַרומגעוויקעלט מיט בענדלעך עטליכע מאָל הין און צוריק און פערקניפּט אַוודאי מיט אַ צוואַנציג קניפּלעך. — זעהסט-דו, בנימין, אָט דאָס קניפּעל האָב איך אויפגעזאַמעלט אונטער מיין ווייב פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַר איהר חתונה געהאַט. עס וועט אונז אין דער התחלה צוניץ קומען, הא?

— אַ צונד, סערדצע, ביסט דו ווערט, מען זאָל דיר אויסקושען איטליכס אבר, איטליכס גליד בעזונדער, — האָט בנימין געזאָגט הויך לעבעדיג אַרומגעחאַפּט סענדעריל די יודענע.

— אָ, פערחאַפּט זאָלסט-דו ווערען! קוקט נאָר אָן, איך בעט אייך, דאָס גרויסע ליבשאַפט, ווי מען נעהמט זיך אַזוי אַרום, און דאַ אין שטוב שטעהט אַ ציג און עסט די קאַרטאָפלעס! ווערים זאָלען עסען דיין לייב, — האָט זיך פלוצלים געהערט אַ געשריי.

דאָס געשריי איז געוועזען פון סענדערילס פלונית׳טע, זי איז געשטאַנען אָנגעצונדען אין אַ פייער, מיט איין האַנד געוויזען אויף דער ציג און מיט דער אַנדערער גערופען צו זיך סענדערלען. סענדעריל האָט מיט אַ אַראָבגעלאָזטען קאָפּ זיך געלאָזט פאַמעליך-פאַמעליך אַריינגעהן אין שטוב, גלייך ווי אַ פערזינדיגט קינד וואָס מען וויל איהם מקיים פסק זיין





— שטאַרק זיך, נשמה מיינע, דאָס איז איהר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק זשע מאָרגען... האָט בנימין שטילערהייט אַיינגעדייטט סענדערלען אין אויער און ווי אַ קעצעלע זיך אַרויסגערוקט פון שטוב.

# דאס פערטע קאפיטעל.

## ווי בנימין מיט סענדערלען פע־לאזען טונעיאדעווקע.

איף מארגען נאנץ פריה, איידער דער פאסטוך האט נאך פערנומען די בהמות אין דער משערעדע אריין, איז אונזער, בנימין שוין געשטאנען גרייט נעבען דער ווינטמיהל מיט א פעקיל אונטער'ן ארם. אינעווענינ אין דעם פעקיל איז געלעגען אלע זאבען, וואס זענען נייטיג געווען צו דער נסיעה, היינו: טלית און תפילין, א סידור דרך החיים, א „ח'קיל״, א תהלים און יענע אלע ספרים, אהן וועלכע ער האט זיך נישט געקענט ריהרען, אזוי ווי א בעל-מלאכה אהן זיין געציינ. די שבת'דיגע קאפאטע זיינע איז אויך דארט געלעגען, — מען מוז דאך פאר דער וועלט א פנים האבען און יוצא זיין פאר לייט. אין קעשענע האט ער געהאט א פופצעהנטהאלבען גראשען, וואס ער האט פאר'ן אוועקגאנג ארויסבעקומען ביי זיין פלונית'טע אונטער דער קישען.

הכלל, ער איז געווען, ברוך השם, פע־זארגט מיט אלסדינג און שוין געקענט זיך לאזען אין וועג אריין.

די זון איז דערווייל אויפגעגאנגען זעהר שען און האט ארונגעקוקט מיט איהר ליכטיגען פנים אויף דער וועלט. איין קוק איהרער האט צו־געגעבען א שטיק געזונד, מחיה געווען איטליכע זאך בעזונדער. ביימער אין גראז האבען עפּיס ווי זים געשמייכעלט איידער די גרויסע טרעהרען טוי פון ביי-נאכט זענען זיי נאך נישט אויסגעטריקענט, אקוראט ווי





קליינע קינדער צולאכען זיך פלוצלים פרעהליך אין מיטען געוויין פון א בלישטשעדיג צאצקעלע, בשעת טרעהרען ווי די באב שטעהען זיי נאך אין די אויגען. די פעלדפייגעלעך האבען געשווינד זיך געטראגען אין דער לופט, געשפילט און געזונגען ארום בנימינ'ן, גלייך ווי זיי וואלטען געזאגט:

— קומט, לאמיר זינגען אי שאלען און דערפרעהען דעם פיינעם פארשוין נעבען דער ווינטמיהל. דאס איז בנימין אליין, דאס איז בנימין דער טונעיאדעווקער, דער אלכסנדר מוקדון פון זיין צייט, וואס ער פערלאזט זיין פאטערלאנד, ווארפט אוועק ווייב און קינדער און געהט אין שליחות, וואהין די אויגען טראגען! אט שטעהט דער גרויס'ער בנימין, וואס ער איז ווי די זון ארויס פון זיין געצעלט און פרעהט זיך ווי א גבור צולויפען אין וועג מיט זיין פעקיל אין דער האנד! ער איז שטארק ווי א לעמפערט און גרינג ווי א אדלער צוטאן דעם רצון פון אונזער פאטער אין הימעל! זינגט, שפילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאלט, זינגט און דערפרעהט זיין הארץ!...

בנימינ'ן איז טאקי באמת פרעהליך געווען אויפ'ן הארץ, ער האט ביי זיך געטראכט: „איך בין דאך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, וואס פ'עהלט מיר אהן עין־הרע? וואס געהט מיך אב? מיין ווייב האב איך, געלויבט איז השם יתברך, פארזארגט. זי האט א שטיקעל פרנסה. איך אליין בין א פרייער פויגעל, גלייך ווי די אלע פעלדפייגעלעך דא. די גאנצע וועלט איז פאר מיר אפען. מיט מיין געניטשאפט, מיט מיין בעהארצקייט און מיט מיין שטיקעל ידיעה אין די שבע חכמות וועט אזא יוד ווי איך נישט פערפאלען ווערען. היינט דערביי בין איך דאך עפּיס א יוד, א שטיקעל בעל בטחון. אוועקגעלעגט שוין אלע מעלות אין דער זייט, לעבען דאך יודען אב א וועלט מיט בטחון אליין און גאט פיהרט זיי אוים.

בנימינ'ן איז עפּיס זעהר גוט געווען איפ'ן הארץ אזוי, אז די לעפצען זיינע האבען זיך געעפענט און ער האט בנעימות'דיג אויפ'ן ביי-קול אונטערגעזונגען א מארש פונ'ם מלך עליון. זיין מארש האט זיך פארמישט מיט דעם געזאנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זזשען פון די פליגען, מיט דעם שמוצערן פון די גרילען און האבען אין א קאנצערט זיך דערהייבען ביז צום כסא הכבוד פון זיי ליבען נאמען הויך אויף דעם זיבעטען הימעל!

דערוויל איז אַוועק אַ היבשע צייט און סענדעריל איז נאָך נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבען בנימינ׳ן אַביסעל צו אַרען און צושטערט זיין שמחה. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטען, זיך אַרויסגענומען די אויגען קוקענדיג, נאָר אומזיסט די מיה. מען הערט נישט, מען זעהט נישט, ניטאָ סענדעריל!

האָט איהם אפשר דען די רשע׳טע זיינע מכבד געווען מיט עפּיס אַ מלאכה? נאָר דערצו איז נאָך אָבער איצט נישט די צייט, גאַנץ טונע־יאַרעווקע שלאָפט נאָך אַצונד געשמאַק. קאַרטאָפלעס הייבט מען אָן צו שיילען העט שפּעטער, יודענעס נעהמען זיך צום וואַרעמס ערשט נאָך אָבקריגען און אָבשילטען זיך מיט די מאַנען, ערשט דערנאָך ווען מע׳ן שמייסט שוין אָב קינדער און מען היינגט אַרויס טריקענען די בעטגעוואַנט...

אונזער בנימין האָט ניט געוואוסט וואָס צוטאָן און איהם איז גע־וואָרען נישט פרעהליך, שטאַרק נישט פרעהליך. אומקעהרען זיך אַ היים? פע, דאָס איז מיאוס! אַלכסנדר מוקדון האָט צוברּאָכען די בריק, איבער וועלכער ער איז אַריבער קיין הינדיא, בכדי ער זאָל נישט קענען צוריק־געהן. לאָזען־זשע זיך אַליין אָהן סענדערלען? ניין, דאָס איז פּריקרע, זעהר פּריקרע! סענדעריל איז איהם געווען שטאַרק נייטיג, זינט ער האָט מיט איהם זיך סקאָמפּענייעט איז איהם עפּיס ליכטיג געוואָרען אין די אייגען. אָהן סענדערלען זיך אַוועקצולאָזען וואָלט אויסגעקומען עפּיס משונה ווילד, עס וואָלט נאָר אַ פּנים געהאַט ווי אַ שיף אָהן אַ רודער אָדער ווי אַ מלוכה אָהן אַ מיניסטער.

פּלוצלים האָט זיך געלאָזט זעהן פון דער ווייטענס עפּיס ווי אַ מענ־שענגעשטאַלט. דאַכט זיך סענדעריל און פּאָרט נישט סענדעריל. דאַכט זיך נאָר איינע אין אַ ציצען קליידעל און מיט אַ טיכעל אויפן קאָפּ.

בנימינ׳ן האָט אַ טיאָכקע געגעבען דאָס האַרץ און איז געוואָרען טויט, בלייך ווי די וואַנד. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געהט זיין ווייב. ניין, זי געהט נישט, זי לויפט, זי יאָגט, אָט קומט זי צולויפען, חאַפּט זיך אויף איהם אַרויף מיט גרוים כעס, לאָזט צו איהם אוים איהר שווער ביטער האַרץ און שלעפּט איהם אַ היים מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג.

„איין גאָט נאָר ווייסט“—אַזוי דערצעהלט בנימין אַליין—„ווי איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צרות, אין געהאַקטע וואונדען, הונדערט פּיפּערנאָטערען וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווען צובעגעגענען ווי מיין ווייב; וואָרום אַ פּיפּערנאָטער בייסט נאָר דאָס לייב, דעם גוף, און אַ ווייב





בשעת כּעס גריזעט און בייסט די נשמה. השם יתברך אָבער האָט מיך געשטאַרקט, איך בין באַלד טאַקי בעהאַרצט אַנטלויפען, זיך פאַרבאָרגען הינטער דער ווינטמיהל און געלעגט דאָרט ווי אַ לייב לויערט אויף זיין פאַרצוקונג“.

אין עטליכע מינוט אַרום איז בנימין אַרויסגעשפרונגען פון זיין פאַר־באָרגעניש מיט אַ שרעקליכען שפּרונג און מיט אַ געשריי, ווי אַ ריינער משוגענער:

— הא, סענדעריל!

סענדעריל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ציצען חאַלאַטיל. אונטער־געבונדען ביידע באַקען מיט אַ פאַרשמאָלצענע טיכעל, אונטער ביידע אויגען בלוי, צוגראַבעלט, אַ שטעקען אין דער האַנד און אויף די פּלי־צעס אַ היבש פּעקיל.

ער האָט אין בנימינס אויגען געהאַט דענסטמאָל דעם זיבעטען חן ווי אַ שענע אויסגעפּוצטע כלה אין די אויגען פון׳ם חתן.

בנימין שילדערט זיין שמחה דענסטמאָל מיט די ווערטער. „ווי אַ קינד וואָס געלוסט אויף קוואַלען וואַסער ווי אַ דאָרשטיגער אין דער מדבר, וואָס געפינט לעבעדיגע, קוועלענדיגע וואַסער, וואָס רינט אַראָב שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מיין גלוסטיגע לייב זיך געטאָן טאָן דער־פרעהען אויף סענדערלין, מיין בעשעהרטען, מיין גע־רייען געזועלען“

— וואָס איז די מעשה, סענדעריל? וואָס האָסט־דו געלאָזט אויף מיך אַזוי לאַנג וואַרטען?

— סטייטש, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר אַהיים, — האָט סענד־עריל בתמימות געענטפערט, — ביז וואַנען איך בין דערגאַנגען און ביז וואַנען איך האָב אויפגעוועקט דיין זעלדען, איז דערוויל אַוועק אַ היבשע צייט.

— אויפגעוועקט זעלדען! — האָט בנימין אַ געשריי געגעבען משונה ווילד נישט מיט זיין קול, — סענדעריל, למאַי, משוגענער, האָסט ד׳ אַזוינס געטאָן?

— וואָס סטייטש למאַי?! — האָט סענדעריל פערוואונדערט זיך אָנגערופען — למאַי, אַז איך האָב דיר פריהער אָנגעקלאַפּט אין דעם פּיזשאַרנע און דו האָסט זיך ניט אָנגערופען, האָב איך מיך גענומען קלאַפּען אין דער שטוב־טיר סטוק, סטוק, סטוק. נו איז זעלדע, נישט

טוט—נישט לעבעדיג, אויפגעשטאנען, און איך האב זי געפרענגט מכח דיר.

— סענדעריל, מיר זענען פארביי! דו האסט פערקאכט א גוטע קאשע. סטייטש, זעלדע וועט נאכלויפען, זעלדע, אין וועט...

— אי, שרעק זיך נישט, בנימין! זי האט מיך אבגעשיקט צו אלדי שווארצע יאהר מיט אזא כעס, גלייך ווי איך וואלט איהר געקוילעט די קאפאטע. „געה מיט מיינעם אינאיינעם, אין דער ערד אריין ביידע"! האט זי געזאגט און צוגעמאכט די טיר. איך בין א היבשע צייט געבליבען שטעהן אין דרויסען ווי צומישט. דערנאך ערשט האב איך מיך דערמאנט אן דער ווינטמהיל און זיך געשטויסען, דו מוזט שוין, א פנים, זיין דא, און דעריבער טאקי האט, א פנים, דיינע געזאגט: „געה מיט מיינעם אינאיינעם, אין דער ערד אריין ביידע"! זי האט, א פנים, מוז געדרונגען זיין, געזעהען, ווי דו ביסט אוועקגעגאנגען.

— וואס, וואס, סענדעריל! זי האט געזעהען? אפשר נעהט זי, נעהט זי אפשר?

— חלילה, בנימין! זי האט נאר פארקייטעלט די טיר. און איך האב פאר'ן אוועקגעהן ווידער אנגעקלאפט און געפרעגט: זעלדע, זעלדע, וואס זאגסט-דו עפים אן צו דיין מאן, זעלדע? אדער האסט דו אפשר, א קשיא אויף א מעשה, וואס איהם מיטצוגעבען, זעלדע? האט זי נישט געענטפערט קיין גוטווארט. א פנים, זי האט זעהר א הארטען שלאף, און שלאפט געשמאק אהן עין-הרע. נו האב איך געזאגט: זעלדע, דו שלאפסט, שלאף זשע, שלאף געזונטערהייט! זיי מיר געזונט, זעלדע! האב איך געזאגט און בין מיר אוועקגעגאנגען.

סענדערילס לעצטע ווערטער האבען אזוי ווי טראפענס אבגעמינטערט בנימינ'ן. ער האט אנגעהויבען פריי צואטהמען און געסאפעט גלייך ווי א שטיין איז איהם פונ'ם הארץ אראב. דאס פנים האט איהם געשיינט און זיינע אויגען האבען געפלאקערט פאר גרויס פרייד.

— אצינד, סענדעריל! — האט ער עפים ווילד א קוויטש געגעבען, — אצינד מיט דער רעכטער פוס!

אין דער צייט האט פון א לווישע אין דער זייט זיך ארויסגעלאזט





קול פון זשאבעס, גלייך ווי זיי האבען זיך געזעגענט מיט אונזערע פארשווינען און זיי צוגעקוואקעט א מארש. טונעיארעווקער זשאבעס שרייען משונה שטארק אין זייערע פערשימעלטע בלאטעס, זיי זענען בעריהמט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפראוויצער וואנצען און טאראקאנעס...

# דאס פינפטע קאפיטעל.

## וואס מיט אונזערע פארשוינען פאסירט זיך באלד ביי׳ם ערשטען ארויספאהר.

אונזערע פארשוינען האבען זיך א לאז געטאן ראפטאם און נעגאנגען געשמאק גיך, גלייך ווי זיי וואלטען זיך צובגעריסען פון א קייט אדער גלייך ווי איינער וואלט זיי פון הינטען געטריבען מיט א בייטש. מיט זייערע ברייטע פאלעס, וואס האבען געשוועבט אויפ׳ן ווינד, האבען זיי זיך געמענט גלייכען צו א שיף, וואס געהט געשווינד אויף אירע אויס-געשפרייטע זעגלען. די קאנדוקטערס פון געוויסע דיליזשאנסען אין אונזער ווינקעל וואלטען זיך, כ׳לעבען, געמענט ווינשען: הלוואי דער גאנג פון אונזערע וואנדערער אויף זייערע פערד געזאגט געווארען! סאראקעס און ווארענעס, וואס האבען ארומגעשפאצירט אויף דער ערד, האבען מיט דרך ארץ אבגעטרעטען דעם וועג און זענען שרייענדיג צופלויגען אין אלע זייטען מחמת גרוים פחד פאר די צווי-פיסיגע מיני בעשעפעניש, וואס האבען זיך געיאגט מיט גרוים חשק און התלהבות.

קיין פען איז נישט ביכולת צובעשרייבען, ווי גליקליך, איבער-גליקליך זיי זענען דענסטמאל געווען. עס האט זיי עפים משונה הנאה געטאן און זענען געווען שטארק צופרידען — צופרידען פון זיך אליין צופרידען פון דער גאנצער וועלט.

סענדעריל, ווי עס האט אויסגעזעהן, איז זעהר פרעהליך געווען





וואס ער האט זיך ארויסגעחאפט פון זיין ווייבס הענט און איז פטור גע-ווארען אזא שווערען, ביטערען גלות. נעכטיגער טאג בעזאנדערענס איז פאר איהם. נעבעך, געווען זעהר א שווערער, א ביטערער, א טאג פון צרות און יסורים, וואס האט איבערגעלאזט א סליעד פון סיניאקעס אויף זיין לייב, וואס האט מיט שטורעם אויסגעווארצעלט א סך האר פון זיין בערדיל און וואס האט גאנץ פריי פאר דער גאנצער וועלט זיך געחתמעט מיט ברוין-בלויע צייכענס אונטער זיינע ביידע אויגען. נישט פאר אייך, פאנטאפעלמענער, געזאגט געווארען אזא וויסטען פינסטערען פעטשאטעק, וועלכען סענדעריל, נעבעך, האט נעכטען פריה געחאפט פון זיין בחורטע!

א היבשע צייט זענען אונזערע פארשוינען געלויפען כמעט אהן א נשמה שא, שטיל, נישט צו ריידען איינער מיט דעם אנדערען א ווארט. זיי האבען זיך שטארק דערווארעמט און גרויסע טראפען שוויים האבען זיי ארויסגעטרעטען אויפ׳ן פנים. סענדעריל האט אנגעהויבען ביסלעכווייז זיך אבצושטעלען און געסאפעט ווי א גאנז.

— גיכער, גיכער, סענדעריל! — האט בנימין איהם אלץ אונטער-געגעבען קוראזש און איז געלויפען מיט אימפעט פאראוים, ווי א גבור, וואס גורט אן זיינע לענדען און לויפט מיט פייל-און-בויגען אין דער מלחמה.

— גוואלד, בנימין, האב רחמנות אויף מיין נשמה! — האט סענ-דעריל געבעטען רחמים, — איך האב מעהר קיין כח נישט דיר נאכצו-לויפען. דו לויפסט .הן עין-הרע. ווי א הירש אויף די בערג און ווי א צאפ פאר דער טש׳עדער

— גיכער, גיכער, סענדעריל! — האט בנימין איהם אלץ געשריגען און געלויפען פאראוים מיט גדלות אויף זיין בריהשקייט. — זעהסט דו, סענדעריל, איך וואלט אזוי געלויפען, געלויפען ביז עק וועלט.

— נאר צו וואס, בנימין, איך בעט דיך, לויפסט דו אזוי? — האט סענדעריל געפרעגט. — מיר וועלען, כ׳לעבען, גארנישט פארזאמען. אז מיר וועלען אנקומען אהין שפעטער מיט א טאג אדער אפילו מיט עטליכע טעג איז אויך, כ׳לעבען, קיין סכנה נישט. די וועלט וועט נאך אזוי גיך נישט אונטערגעהן, זי האט נאך צושטעהן, כפי איך האב געהערט, ביז דעם אלף השביעי, שטארקע עטליכע הונדערט יאהר.

— גיכער, סענדעריל, גיכער, א עברה די צייט. וואס גיכער ארויס-רייסען זיך פון דאנען, איז אלץ בעסער. הארעווע, סענדעריל, קנעל

אביסעל צו, נישקשה. דערפאַר קומענדיג אַהין וועסט דו אויסגלייכען דיר די ביינער, וועסט עטהמען און לעבען ווי אַ שררה.

— דו ביסט, בנימין, זעהר גערעכט. דו ווילסט גיכער וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, זאָל זיין גיכער, ביי מיר האָסט־דו געפּועלט, נאָר וואָס טהוט מען מיט די פיס, מיט מיינע פיס?

אין ברירה. בנימין האָט געמוזט צוליב מאָן סענדערלען און איינהאַלטען אַבים על דעם גאַנג.

אַז די זון איז אַרויס פון איהר פוטערפאַס און האָט געשמאַק גע-וואַרעמט, געבראָטען מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען, זענען אונזערע וואַנדערער אַנידערגעפאַלען נעבען אַ וועלדעלע ביי דער זייט פונ׳ם וועג. זיי זענען געלעגען אין איין שוויים און האָבען שטאַרק געסאָפּעט, געמאַכט מיט די זייטען. די פרישע סיניאַקעס האָבען ביי סענדערלען זיך צופריעט און ער האָט געפיהלט אַ וועהטאָג, ווי מען שטעכט מיט שפּילקעס.

נאָכדעם אַז זיי האָבען אַביסעל אָבגערוהט, איז די ערשטע זאַך זייערע געווען אַרויסצונעהמען טלית און תפילין און דאַוונען. בנימין האָט זיך צושאָקעלט, געדאַוונט לעבעדיג, מיט אַ ברען, ער איז ווערטה געווען דערנאָך אַביסיל בראַנפען, נאָר ווי האָט ער עס אָבער געקענט דאָ אויס-פיהרען? ער וואָלט גערן געוועזען, ער זאָל האָבען האָטש אַ שטיקעל ברויט. דאָס האַרץ האָט איהם געי׳הלש׳ט, דער אַפּעטיט זיינער איז גע-ווען זעהר גרויס נאָך אַזאַ געשמאַקען גאַנג, ער וואָלט געקענט אויפעסען אַ וועלט און דאָ האָט ביי איהם, מעשה שטן, זיך נישט געפונען אַפילו אַ ברעקיל ברויט ווי אַ כזית. ער האָט געוואָרפען מיט די אויגען אַהין און אַהער, אויסגעקנאַקט די פינגער, גענענעצט, זיך געקראַצט, פּאַס-מאַקעוועט, געמאַכט אַלץ טאַ, טאַ, געלעגט, געצויגען די פאות, דאָס בערדיל, נאָך אַ מאָל אַ קראַץ און נאָך אַ מאָל טאַ, ביז ער האָט זיך מישב געווען און אַרויסדערטאַפּט פונ׳ם קלומיקיל עפּיס אַ פערטעלדיגען ספר ווי אַ מחזוריל, אין וועלכען ער האָט אַריינגעקוקט און אונטערגע-ברומט מיט אַ אַקדמות־ניגונדיל.

— סענדעריל! — האָט בנימין אין־דערמיט מפסיק געווען, — דו ווייסט, וואָס איך זאָג דאָ איצט אַזוינס? דו ווייסט, פאַר וואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגונדיל?

— דו מוזט אַוודאי הונגעריג זיין, — האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות.





— גראַם־שטראַם, — האָט בנימין זיך אָנגערופען, — און אַז איך בין הונגעריג, מילא?!

— מילאָ, מילאָ, דעריבער זינגסט דו, — האָט סענדעריל געענט-פערט, — ס׳איז דאָך דאָ אַ בפירוש ווערטיל: קאָלי זשיד ספּיוואַיע, קאָלי חין גאָלאָדני. דו, בנימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר, זינג, און איך וועל מיר דערוויהל עפּיס אַנדערש טאָן.

אינדעם ווי סענדעריל האָט גערעדט, האָט ער טאַקי אַריינגעשטעקט די האַנד זיינע צו זיך אין פעקיל און אַרויסבעקומען פון דאָרט אַ טאָרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פאַרשטעהסט נישט, אַקעגען וואָס איך טהו עס, — האָט בנימין געזאָגט, — סענדעריל, נאַרעלע, איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דערפון.

נאָר סענדעריל אָבער האָט דערוויהל זיך זיינס געטאָן און פאַמעליך־פאַמעליך אויפגעבונדען די טאָרבע. אַז בנימין האָט אַ קוק געטאָן, איז איהם ליכטיג געוואָרען אין אַלע רמ״ח אברים. אין טאָרבע איז געלעגען פון כל טוב, ברויט, שטיקלעך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבען פון שבת, אוגערקעס, רעטעכלעך, ציבעלעס און קנאָבעל! סענדעריל האָט אין זינען געהאַט אַלסדינג, אָנצוגרייטען ווי אַ גוטע בעל הבית׳טע און ער איז ביי בנימין דערפאַר געהויכט, געקרוינט געוואָרען נאָך אַ סך מעהר ווי פריהער. בנימין האָט אין האַרץ זיך שטאַרק געפרעהט וואָס השם יתברך האָט איהם בעשעהרט אַזאַ טייערען חבר אויף דער נסיעה, סענדערלען האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אַזוי האָט ער געטראַכט, ווי די קינדער ישראל מן אין דער מדבר.

נאָכדעם אַז זיי האָבען אונטערגעלעהנט זייער האַרץ, האָט סענ-דעריל איינגעוויקעלט דאָס ביסיל שפּייז, וואָס איז איבערגעבליבען, צוריק אין טאָרבעלע מיט די ווערטער.

— דאָס ביסיל שפּייז וועט אונז צוניץ קומען נאָך אויף אַ מאָל און דאָס טאָרבעלע אויף טויזענד מאָל, אויף אונזער גאַנצען לעבען. דערמיט וועלען מיר, אם ירצה השם, איבער די הייזער אַרומגעהן. נישקשה, גאָט ברוך־הוא וועט אונז העלפען!

דאָס וואונדערליכע טישטיכעל, אין די מעשה־ביכלעך, וואָס מען זאָגט: טישטיכעל, טישטיכעל, גיב מיר עסען! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטיכעל גיט, — אָט דאָס דאָזיגע חידושים־וואונדער-ליכע טישטיכעל איז ביי אונז ידען די טאָרבע. פיל נפשות, זעהר פיל, שפּייזען זיך חידושליך־גרינג זייער גאַנץ לעבען נאָר פון דער טאָרבע און

לאָזען זי איבער בירושה קינדס-קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אריין אַלץ איינע. נאָר בײַ פערשיעדענע קלאַסען מענשען בעקומט זי אַ אַנדער מין פאָרמע און אַ אַנדער מין נאָמען. ביים פראָסטען עולם איז זי פשוט אַ טאָרבע, אַ פראָסטע לייגווענטענע טאָרבע, בײַ׳ם געהייבענעם עולם אָבער נעהמט זי אָן אַלערליי מיני געשטאַלטען, ווי אַ שטיינער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראָבקעלע, אַ כלי=קידשיל, אַ חברה׳לע, אַ פושקעלע, אַ קהלש בײַטעלע, אַ גמילות-חסד-באַנקעלע, אַ מחברישער פלוידערזעקעלע וכדומה, די אַלע זענען באמת טאַקי נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע יורישע טאָרבעס!....

— סענדעריל! — האָט בנימין זיך אָנגערופען, געשטאַרקט פון סענדערילס ווערטער, — מיר בײדע זענען אַ זיווג מן השמים, מיר ביידע זענען ווי אַ גוף מיט דער נשמה. ווען דו זאָרגסט אין נשמיות מכח עסען און טרינקען אויף אונזער נסיעה, אַקעגען זשע זאָרג איך אין רוחניות-זאַכען. נאָך אַ מאָל פרעג איך דיך, סענדעריל, דו ווייסט, פאַר וואָס איך זאָג אַקדמות? איך האָב דערביט] אַ גרויסען כיוון. איך זאָרג מיך איצט, אז השם יתברך וועט אונז בשלום ברייגגען אהין, צו די בני משה, זאָלען מיר קענען אַ מויל עפענען און מיט זיי זיך אויסטענהן. זיי ריידען עפּיס האַלב תרגום, צום מייסטען ריידען [זיי דאָרט אַקדמות=לשון. אלדד הדני, וואָס איז פון יענעם ווינקעל צו אונז געקומען, ער האָט דאָך לויט ווי מיין מיינונג, דאס דעם אַקדמות געכאַפט, ושריות שותא. סענדעריל איז דער טייטש איך הויב אָן צושפּרעכען. נעדענק זשע, סענדעריל! דא אין חוץ לארץ קען מען זיך בעגעהען מיט אונזער לשון. מיט דייטש, אָבער דארט. דארט מוזען זיי קיין דייטש אוודאי נישט קענען.

— איך פאַרלאָז מיך אין די זאַכען אינגאַנצען אויף דיר, — האָט סענדעריל געזאָגט בהכנעה, — דו ביסט אַ געלערנטער מענש און קוקסט אריין אין דיינע ספרים, מסתמא ווייסט דו וואס דו טהוסט, וואָ־ין דו געהסט, אַ סימן, איך האָב דיך אַפילו נישט איבערגעפרעגט, צו געהען מיר מיט דעם גלייכען וועג. דו געהסט, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, געה, איך געה דיר נאָך ווי אַ קוה נאָך אַ קעלביל.

בנימין האָט משונה הנאה געטאָן סענדערילס גרויסער בטחון אויף זיין חכמה. ער האָט בײ זיך אין די אויגען אויסגעזעהן ווי אַ שיפסקאַפּיטאַן, וואָס ער אַליין פיהרט די שיף אויפ׳ן ים. דאָס פונדעסטוועגען האָט איהם נישט אָבגעהאַלטען זיך באַלד טאַקי צובעטראַכטען, אז ער





ווייסט באמת נישט וואו ער געפינט זיך, מעגליך אפשר בלאָנדזעט ער און איז גאָר אָ־אָב פונ׳ם וועג.

דערווייל ווי ער האָט געטראַכט, האָט נאָט אָנגעטראָגען אַ פויער, וואָס ער איז געפאָהרען פאַרביי אויף אַ פוּלען, אָנגעטאַסעוועטען וואָגען מיט היי.

— סענדעריל, האָט בנימין געזאָגט, עס שאַדט כלל נישט אַ פרעג צוגעבען דעם ערל מכח דעם וועג. נעה אויף צוקאַוועשטש גיב אַ פרעג. דאָ אין חוץ לאָרץ וועסט דו בעסער פון מיר זיך קענען אויסטענהן מיט די פויערים אויף זייער גראָבען לשון. דיין פלונית׳טע פלעגט דאָך עפטערס דיך מיטנעהמען מיט זיך אויפ׳ן מאַרק.

סענדעריל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען מיט גרויס דרך ארץ צום פויער און געזאָגט כהאי לישנא:

— דאָברי דיען! קאָזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אויף ארץ ישראל!

— שטשאָ?! האָט דער פויער פערוואונדערט געמאַכט און אויסגעשטעלט אַ פאָר אויגען. יאַקי סרול? ני באַטשיל יאָ סרוליאָ?

— ני, ני! — האָט בנימין זיך נישט געקענט אײנהאַלטען און זיך אריינגעמישט פונדערווייטען, — עטאָ ווי סרול, אַ ווין להבדיל ארץ ישראל קאַזאַטע ווין, סענדעריל. זאָג איהם נאָך אַ מאָל בפירוש אַרויס. ער האָט אַ פויערש קעפעלע. שאַרפער, שאַרפער, סענדעריל!

– אויף אררדץ=ישראל קודי דאָראָגי? האָט סענדעריל נאָך אַ מאָל שאַרף איבערגע׳חזר׳ט.

— אַ פּיעס וואַס זשידקי זנאַיעט, שטשאָ ווי מאַראָטשעטע מעני גאַלאָווי, עטאָ דאָראָגי דאָ פּיעווקי, אַ וויני עלעססלאָאַל! עלעססלאָאַל! האָט דער פויער זיך נאָכגעקרימט. אַ שפּיי געטאָן און אוועקגעפאָהרען ווייטער.

אונזערע פאַרשײנען האָבען זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

בנימין האָט געפיהלט אַ וועהטאָג אין די ליטקעס, די פיס זענען איהם געווען. לא עליכם, ווי אָבגעשניטען. דאָך האָט ער, נעבעך, זיך נישט ווייסענדיג געמאַכט, זיך געמאַכט האַרץ, אַלץ אונטערגעגעבען קוראַזש. און מחמת איהם איז, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, זעהר שווער געווען צוגעהן גלייך און געשווינד, האָט ער געמוזט אַלץ אונטערשפּרינגען. אוודאַי איז דאָס נישט געווען אַזאַ גאַנג ווי פריהער. עס איז געווען געמוטשעט, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער געטאָן זיינס און איז

גענאַנגען, וואָרום די קשיאָ איז דאָך, וואָס האָט ער דען געקענט מאַכען? אנידערלעגען זיך, שונא-ציון, אויפ'ן וועג? מילא, וואָס וואָלט דערפון דער תכלית געווען? היינט ווי לעגט עס זיך אַ יוד אין מיטען וועג גלאַט אַנידער? ער וואָלט נאָר מצער געווען סענדערלען, און די נסיעה וואָלט חלילה, אויפגעהאַלטען געוואָרען. הכלל, זיי זענען געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי אַ גאַנצען טאָג, ביז גאָט האָט זיי בשלום געבראַכט קיין פיעווקי אויף נאַכטלעגער.

אַריינקומענדיג אין פיעווקער קרעטשמע, איז בנימינס ערשטע זאַך געווען, זיך אַ וואָרף צוטאָן ווי גרוים ער איז אין אַ ווינקעלע אויסצוטוהען די פּיס און חאַפּען דעם אָטהעם.

סענדעריל איז ווי אַ אַלטע בעל-הבית'טע נעגאַנגען צובעשעפטיגען זיך אין דעם בעל-הבתישקייט און שמיעסען מכח ווערשערע.

דער אַרענדאַר האָט אָנגעקוקט סענדערלין פון קאָפּ ביז די פיס און האָט פון זיין גאַנצען הילוך אַרויסגעזעהן, אַז דאָס איז עפּיס נישט גלאַט אַזאַ פאַרשוין ווי אַנדערע, וואָס פאָהרען געוועהנטליך דורך. ער האָט איהם אָבגעשטעקט אַ שלום עליכם, און אויף דער שאלה: מה שמכם? פון וואַנען איז אַ יוד? האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות, ער הייסט סענדעריל, ער איז אַ שטיקעל ארץ-ישראל-יוד, ער איז אַ משמש ביי רב בנימין, וואָס ליגט איצט מיט זיין כבוד דאָ אין אַ ווינקעל. דער אַרענדאַר האָט געמאַכט אַ פרום-פנימיל, זיך אַביסיל פערטראַכט און געבעטען סענדערלען זיצען.

לאָמיר לאָזען די בת מלכה, דאָס הייסט סענדערלען, שמועסען מיט דעם אַרענדאַר און זיך אומקעהרען צום בן מלך, צו בנימינ'ן, זעהן, וואָס ער מאַכט און וואָס ער טהוט.

אונזער בנימין אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקעל, איז געבליבען ליגען ווי אַ שטיין און נישט געוואוסט, אויף וועלכען עולם ער איז. די אָדערען פון די פיס זענען געווען שטאַרק אָנגעקוואָלען, דאָס בלוט האָט אין זיי זיך צושפּילט, געזעצט און געשיפּעט, גלייך ווי מוּרעשקעס וואָלטען דאָרט הויפענווייז אַרומגעלויפען און געביסען, געשטאָכען. די שלייפען האָבען געהאַקט, געקלאַפּט ווי האַמערס. אין די אויערען האָט פעררומפּען גערוישט און דאָס רוישען פלעגט זיך אַלץ אויסלאָזען צום סוף מיט אַ הילכעדיגען לאַנגען קלונג, ווי אַ תקיעה גדולה, אדער מיט אַ שאַרפען שום, ווי בשעת מען לאָזט ראַקעטען. ביי איטליכען אַרוים-פליהענדיגען ראַקעט פונ'ם קאָפּ האָט מיט אַ מאָל איהם אַ בליטשע גע-





געבען אין די אויגען טויזענטערליי פייערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פאַסטענע, נאָך אַ נאָך קאָלירען אָהן אַיין עק, אָהן אַ סוף. אין אַ מינוט אַרום ווערען די פייערווערק אויסגעלאָשען, חושך-פינסטער ווערט איהם אין די אויגען און אין די אויערען רוישט ווידער ווי אין אַ מיהל.

ליגענדיג פערטראָגען אַזוי אַ היבשע צייט, הערט בנימין אַ קול פון גלעקלעך קלינגען אין דרויסען פונדערווייטען, מיט איטליכער מינוט קומט דער קול צו אַלץ נעהענטער, נעהענטער, ווערט אַלץ העלער אַ שטאַרקער און פלוצלים גיט אַ סקריפּ ווי אַ וואָגען. אָבשטעלענדיג זיך נעבען טויער. עס לאָזען זיך הערען ביזן הימעל אַריין מיני קולות גלייך ווי אַ גאַנצע שטעדטיל האָט דאָרט זיך פערקליבען אויף אַ וויכטיגער אַסיפה, ביי-קולכלעך, פיסטלעך, געמבעס, הייזעריג, האָרחלענדיג אי צוגעלייגטע שטימען, נישט צו וויסען וואָס און צו וואָס. קען וואָס פערזאַמלען זיך אין זייער צייט אויף די דעכער, ווייס מען, אַז דאָס זענען קעץ און צוליעב וואָס זיי האָבען זיך פערזאַמעלט, און וואָס זיי מיינען מיט זייער מיאַוּקען, חאָטש דו קענסט נישט קיין קאַצען-לשון. אָבער דאָ, איז שווער צו זאָגען, וואָס שרייט מען און וואָס וויל מען, ווייל דרינען איז אויסגע-מישט אי געלעכטער, אי אַ געקרעכצעריי, גענזיפצעריי, אי אַ שושקעריי, אי אַ קוויטשעריי, אי אַ טאָן פון אַ שיינעץ, אי דאָס זיסע חניפה-קולכעל, אי אַ הוסטעריי, אי אַ נאָזשנייצעריי, אַ געקלאַפּעריי און אַ געפּאַטשעריי. היינט גיט פאַרשטעה וואָס דאָס אַלסדינג אינאיינעם איז. וואָס דאָס בעטייט? באַלד דאַרויף עפענט זיך די טיר און אַ חאָפּטע מענשען שיטען זיך אַריין אין שטוב מיט אימפעט.

בנימין רוקט זיך ווייטער, ווייטער אין ווינקעל און נורעט זיך שטאַרק איין.

דערווייל ווערט אין שטוב זעהר ליכטיג פון אַ סך ליכט, וואָס ברע-נען אין שבת'דיגע מעשענע לייכטער; אַ טייל זענען פערשטאָפּט מיט שנויצען און די ליכט שטעהען אויף זיי צוגעשמאָלצען, נאָר אויף משקולת, אַ טייל זענען מיט צוגרויסע, ברייטע, נישט קיין טיפע לעכער און די ליכט שטעהען אין זיי קרום אין דער זייט פאַרשטעקט פון אונטען מיט אַ קויל.

ביים עק פון אַ לאַנגען דעמבענעם טיש זיצט אַ חברה כלי-זמר און סטראָיען, שטעלען אָן זייערע כלים, דער פידלער פאָרעט זיך מיט דער פידעל, קיצעלט זי מיט פינגער און איטליכע סטרונע רופט זיך אָב זים,

זם, זים אויף איהר קול, גלייך ווי זיי ריידען: נישקשה, מענטש אונז קיצלען, פון אונזערט-וועגען זענען מיר פארטיג, אבי פון דיין סמיטשיק זאל נאר קיין מניעה נישט זיין, ער חאפט זיך צום סמיטשיק, גלעט איהם און האלט איהם גרייט צום שפיל. דער פלייטער שמיעסט-איבער שטיל מיט דער פלייט, זי פייפט איהם שטילערהייט אן, און דער צימבלער לויפט זיך דורך איבער דעם צימבעל און קלאפט זיך פאמעליך מיט די העמערלעך. נאר דער בלינדער פויקער זיצט אנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגען און חאפט א דרעמיל.

נעבען די כלי-זמר שטעהט אויף א בייגקעל עפּיס א מין פארשוין וואס קים רעדט ער אוים א ווארט, שטיקט מען זיך פאר געלעכטער. אפילו קינדער, וואס שטעהען אנגעשטאפּט אין קוקען אריין פון די פענסטער, לאכען משונה און קרימען זיך נאך. דער פארשוין גיט דערנאך א געשריי: הררי! לכבוד די מחותנים ולכבוד דעם בעל הבית ולכבוד כל המסובים בכאן, שפּילט אב א לעבעדיגס, א פרעהליכס! און די כלי-זמר צולאזען זיך באלד אויף די כלים, פרעהליך, לעבעדיג, ווייבער מיט מאנסבילין נעהמען זיך צונויף און טאנצען א ראד האץ-האץ.

אלסדינג האט זיך בעוועגט, אפילו וואנצען אי מאראקאנעס זענען ארוים פון די שפאלטען, און זיך צוקראכען איבער די ווענד.

טאנצענדיג פאלט איינער ארויף אויף בנימין'ן אין ווינקעל. דער טענצער קוקט איהם אין פנים אריין און לאזט ארוים א געשריי:

— א בנימין! איך האב איהם דערטאפּט, כ'לעבען, די כשרע מציאה, ער איז דא, ער איז דא!

אויף דעם געשריי לויפען-צו נאך מענשען. בנימין דערקענט צווישען זיי טונעיאדעווקער פיינע בריות און דעם דארטיגען רב'יל.

איין קול, איין געשריי:

— בנימין, קום טאנצען! בנימין, קום טאנצען.

— איך קען, אסור, ניט, — בעט זיך בנימין רחמים, — איך קען זיך נישט ריהרען פונ'ם ארט.

— נישקשה, נישקשה! — ענטפערט מען איהם, — קום זאגט מען דיר, דו וועסט קענען, וואס האט מען דא צוקענען? אדם א מענש, קאטשקע רוק זיך! ריהר זיך, בהמה, מיר ווילען, נישקשה, דערצעהלען.

— זעלדען! — גיט בנימין א געשריי אין איין אטהעם, — איך בעט איך, דערצעהלט נישט זעלדען!





— ריהר זיך זשע, בהמה! — שרייעט מען איהם, — ריהר זיך בהמה, שטעל זיך שוין אויף די פיס.

— דערבארעמט זיך, יודישע קינדער! — בעט זיך בנימין, — איך קען, כ'ילעבען, זיך איצט נישט ריהרען, איך האב א טעם, פאר וואס איך קען נישט, ס'איז א סוד, וואס איך וועל איהם מגלה זיין דעם רב.

און ווי ער חאפּט ארום דעם רב פעסט מיט ביידע הענד איינצו-דוימען איהם אין אויער א סוד, פיהלט ער פלוצלים א שרעקליכען זעץ אין דער זייט. אוש ס'איז איהם פערגאנגען אין דער נאז ווי פון הריין, ער גיט זיך פאר וועטהאג א ווארף, רייבט די אויגען און זעהט, אין שטוב איז גאר טונקעל, די לבנה שיינט אריין פון די פענסטער. ער ליגט נעבען א קעלביל און האלט זי ארומגענומען שטייף מיט ביידע הענד.

וואס טהוט זיך דא אזוינס?! פון וואנען נעהמט זיך דא פלוצלים א קעלביל? האט זיך דען בנימין געקעלבט? נאר ווי שיקט זיך עס? אנ-גענומען די סברא, בנימין איז א בהמה, צעהן מאל, הונדערט מאל א בהמה. נאר ער איז דאך אבער א צוויי-פיסיגע בהמה און וואו איז דאס געהערט אי גענזעהן געווארען, אז א צוויי-פיסיגע בהמה זאל האבען א קעל-בעל?! אמת ביי אונז איז דא א סך קעלבלעך און דאס רוב דווקא אין לייטישע הייזער, אבער דאס זענען דאך פארט נישט מעהר ווי קעלבלעך אין א מענשענס געשטאלט. זיי זענען נאך דאס רוב גראד זעהר שען מיט א שען פנימיל און מיט חן-גריבעלעך, אבער דאס קעלבעל, וועלכע בנימין האלזט דא און נעהמט זי שטארק ארום, איז דאך טאקי פשוט א אמת קעלביל, הייגט פון וואנען, איז די קשיא, האט זי זיך אהער גענומען? א חידוש נפלא. נישט אנדערש זי איז פונ'ם הימעל אראבגעפאלען!...

גיין, רבותי, גלויבט נישט אין הימעלשע קעלבלעך, צווישען אלע אונזערע קעלבער איז אפילו נישט אי איין קעלביל פונ'ם הימעל אראבגע-שיקט געווארען. עס איז גאר נישט אזא חידוש נפלא, ווי איהר מיינט איהר האט זיך אויף דעם קעלביל גאר נישט אזוי צו וואונדערן און פון איהם אזא פירוש צומאכען. פראסטע איז מאסטע, גאר אהן קונצען, די מעשה דערפון איז אזוי געשעהן.

אז בנימין איז נישט טויט — נישט לעבעדיג אנידערגעפאלען אין ווינקעל, האט ער פאר גרויס מידינקייט נישט בעמערקט, אז דארט ליגט א קעלביל. בשעת איהם האבען זיך צושפּילט די געבליטען, איז ער אנ-שלאפען געווארען און איהם האט זיך פארגעשטעלט אין חלום די גאנצע חתונה מיט די מחותנים און מיט די כלי-זמר. ער איז געווען שרעקליך

אומרוהיג, זיך אלץ גערוקט, גערוקט אין ווינקעל, און בשעת ער האט אין חלום אויבגענומען דעם טונעיאדעוקער רביל, האט ער גאר ארומגעחאפט פעסט דעם פיעוקער ארענדארס קעלביל, און איהם איינגערוימט אין אויער דעם סוד פון זיין נסיעה. דאס קעלביל אבער האט עס נישט גורם געוועזן, נישט געוואלט ליידען, מען זאל איהם אזוי האלזען אי שטיקען. עס האט אויסגעשטרעקט דאס פיסעל, אנגעריהרט בנימינ'ן אין דער דיך און בנימין האט זיך אויפגעחאפט.

אז בנימין האט זיך אויפגעחאפט, האט ער נאך אלץ געהאלטען ארומגענומען דאס קעלביל מיט ביידע הענד זעהר פערדולט אין צומישט. ערשט אין א רגע שפעטער האט ער פון זיך א שטוב געטאן דאס קעלביל, זיך אויפגעהויבען דערשראקען און זיך געלאזט געהן געשווינד. דאס קעלביל פון זיין זייט, ווי באלד עס איז לייז געווארען פון פרעמדע הענד, איז אייך אויפגעשטאנען געשווינד און זיך געלאזט מאכען א פליטה, איז לויפענדיג ארויף ראפטאם אויף בנימינ'ן און ביידע זענען געפאלען איבער א גרויסען צעבער וואסער, טראך מיט א שרעקליכען קלאפ!

שטארק דערשראקען פון אזא טראך איז סענדעריל און דער ארענדאר מיט א ליכטיל אין האנד ארויסגעלויפען פונ'ם אנדערען חדר אין שטוב אריין. און זענען געבליבען פערוואונדערט!

ווען א לידעל־מאכער זאל געוועזן דענסטמאל זיי ביידען אנקוקיין, וואלט ער אזוי געמאכט: „ליבעהארצעדיגע און זיסע, אי אין ווינקעל אי אין דער לושע זענען זייניט צושיידט געווארען!"

נאר דער ארענדאר און סענדעריל זענען געוועזן פראסטע בשר ודם נישט קיין לידעלמאכער, און האבען די ליבהארצעדיגע אי זיסע באלד צושיידט. דאס קעלביל האט מען אבגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכווערטלעך פאר איהר שלעכטער אויפפיהרונג, און בנימינ'ן האט מען פון דער טבילה אריינגעפיהרט אין א בעזונדערען אלקיר און געלייגט אויף עטליכע קוליקלעך שטרוי מיט א קישען צוקאפען.

# דאס זעקסטע קאפיטעל.

## בנימין חאפט א פאטש.

בנימינ'ס אברים זענען אביסיל אבגעגאנגען אין דער ליל־טבילה נאך דעם אבשווינקען זיך מיט א גאנצען צעבער קאלטע וואסער, און אויפשטעהענדיג אין דער פריה האט ער זיך געפיהלט פרישער אי געזונטער. ער האט בעשיינפערליך ארויסגעזעהן א פינגער פון וואונדער אין נעכטיגער מעשה מיט דעם קעלביל, וואס דורך איהם גראד איז געקימען די רפואה צו זיינע וועהטאגען. ער האט בעוויזען סענדערלען דערמיט, ווי אומגערעכט דער זינדיגער מענש איז, וואס בעקלאגט זיך בשעת עפים א אומגליק און פארשטעהט נישט, אז דאס אומגליק, קען זיין, פיהרט גאר צום גליק און פון דער רעה קומט ארויס א טובה; ווי דער אויבערשטער מאכט פאר א שליח אלע זיינע בעשעפעניש, אפילו א בהמה; ווי א דאקטאר קען א מאל גאר זיין א קעלביל; ווי א מיק אפילו קען א מאל פיקען אין קאפ, שטארק דאקוטשען און שטעהן אין דער גרגרת. פאר א ראיה דערצו דינט די מיק מיט טיטוס הרשע אין די אלטע, אלטע צייטען. דאס נעכטיגע בעגעגעניש איז איהם איצט געוועזן א גוטער סימן, אז די נסיעה זיינע איז אין א גוטער מזלדיגער שעה און ער וועט, אם ירצה השם, מצליח זיין צודערגרייכען וואס ער ווינשט.

— א וואסערטרעגער, וואס געהט איבער מיט פולע, איז פון אייביג אן א גוטער סימן, א פשיטא שוין א גרויסער א פולער צעבער, — האט סענדעריל זיך אנגערופען און צוגעבאסעוועט מיט די רייד.

אָר מחמת דעם וועהטאָג, וואָס בנימין האָט נאָך געפיהלט אין די פיס, און מחמת די קוליקלעך שטרוי, וואָס דאָרויף איז איהם ווייך געווען צוליגען, איז בנימין פאַרבליבען דעם גאַנצען טאָג אין פּיעווקע. ער איז געגליכען געווען צו אַ שיף אין ים, וואָס האָט זיך געזעצט אויף אַ זאַמד און קיין גוטער ווינד איז נישטאָ אַראָבצוטרייבען פון דאָרט.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט בנימין זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

אַ היבשע צייט איז בנימין געגאַנגען עפּיס ווי מרה-שחורה'דיג, שטיל-פערטראַכט, נישט צוריידען קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געגעבען זיך אין שטערען און געבליבען שטעהן שטאַרק בעטריבט. ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפענט אַ מויל און אַרויסגעלאָזט מיט אַ קרעכץ די ווערטער:

— אָך, סענדעריל, איך האָב פאַרגעסען!

— וואו פאַרגעסען? וואָס פאַרגעסען? האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און זיך אַ חאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדעריל, אין דער היים האָב איך פאַרגעסען!

— אַי, בנימין, וואָס פעלט דיר איין? — האָט סענדעריל געמאַכט — מיר האָבען, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלסדינג, וואָס נויטיג איז מענשען אין וועג אַריין: אַ טאָרבע, נישט צופאַרזינדיגען, איז דאָ, טלית און תפילין מיט סידורים איז אויך דאָ, שבת'דיגע קאַפּאָטעס אויך דאָ, דאַכט זיך, אַלסדינג, ברוך השם, איז דאָ, אַלסדינג האָבען מיר פאַרנומען. וואָס געהט אונז דען אָב? און וואָס האָבען מיר אַזוינס געקענט פאַרגעסען?

— די זאַך וואָס איך האָב פאַרגעסען, סענדעריל, איז זעהר וויכטיג, גייטיג אין לעבען אַריין, הלוואי אַלסדינג זאָל אָבלויפען בשלום. נאָר באַס, חלילה, לא יעלה ולא יבוא, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. אויפ'ן וועג ווען עפּיס, מעשה שטן, געשעהן, דענסטמאָל וועלען מיר ערשט דערפיהלען דעם גרויסען ווערטה פון דער טייערער זאַך, וואָס איך האָב פאַרגעסען. אַרויסגעהענדיג פון דער היים האָב איך אין איילעניש פאַרגעסען צוזאָגען אַ שפּרוך, וואָס שטעהט געשריבען אין אַ ספר, אַרויסגענומען פון אַ גאַנץ אַלטען כתב יד. דער שפּרוך מוז געזאָגט ווערען פאַר אַ נסיעה אַרויסגעהענדיג פון דער היים, ביי דער ראָגאַטקע, אין מען איז ערב, אַז ער איז אַ זיכערע שמירה אין וועג פאַר כל אַ מיני סכנות און שלעכטע בעגעגענים, — אָט וואָס איך האָב פאַרגעסען!





— אפשר איז דיין גוטער ווילען זיך אומקעהרען אַ היים? — האָט סענדעריל געזאָגט בתמימות.

— דו ביסט משוגע צי חסר דעה! — האָט בנימין אַ געשריי געטאָן און דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אין פנים אַריין — סטייטש, וואָס הייסט, זיך אומקעהרען אַ היים? נאָך אַזוי פיעל מיה און אָנגעהען זיך אַזאַ וועג פלוצלים אומקעהרען זיך! סטייטש, און די וועלט? וואָס וועט זאָגען די וועלט?

— וואָס הערען מיך, בנימין, די וועלט? — האָט סענדעריל זיך אָנגערופען, — די וועלט האָט דען דיך געבעטען מאַכען אַזאַ נסיעה? האָט זי דען מיט דיר אַ קאָנטראַקט געמאַכט און דיר אויף הוצאות געגעבען, דו זאָלסט געהן, וואַנדרעווען?

— גאַנץ שכלדיג! — האָט בנימין זיך נאָכגעקריכט, — און אַלכסנדר מוקדון, איהם האָט דען די וועלט געבעטען, ער זאָל געהן קיין הינדיאַ און מלחמה האַלטען דאָרט? און די אַלע וואַנדערער ביי אונז יודען האָט דען די וועלט געבעטען אַרומצוּוואַנדרעווען פון שטאָדט שטאָדט?

— ווייס איך? — האָט סענדעריל געמאַכט מיט אַ שמייכעלע. — פונמיינטוועגען האָבען זיי אַלע געמעגט, כ'לעבען, זיצען אין דער היים, עס וואָלט, דאַכט זיך, בעסער אין גלייכער געווען פאַר איטליכען. אָך, נאַרע'לע, נאַרעלע דו, אַלכסנדריל מוקדון, דו האָסט אין דער היים פון כל טוב, זיין, לעב דיר צופרידען און גלעט דיר דאָס בייכיל. צו וואָס טויג דיר נאָך, נאַרעלע, הינדיען? כידי דאָכאַ דאָ ני ריבאַ'כאַ, איז דאָ אַ עולמ'ס ווערטיל, און דער עולם זאָגט: אַ עולמ'ס ווערטיל איז, להבדיל, אַ גמרא. מעהר חידוש איז אויף אונזערע יודעלעך, זיי האָבען דאָך מאַקע געמאָגט האַלטען פון דער גמרא, זיצען אויף זייער אָרט און בעשעפטיגען זיך איטליכער מיט זיין זאַך. צו וואָס טויג דאָס אַרומוואַנדרעווען, דאָס אַרומבלאָנקען זיך ווי אַ דולער הוא-הא-הא, נישט צו וויסען אַליין פונ'ם געזונד, פונ'ם לעבען און נאָר אומזיסט-אומנישט רייסען שביוועל? ווי איך בין אַ יוד, בנימין! איך זאָל אַזאַ פאַרשוין בעגעגענען, וואָלט איך איהם גלייך אויפ'ן אָרט אָבגעזאָגט דעם עולמ'ס ווערטיל, להבדיל, די גמרא מיין איך.

אַ היבשע צייט האָבען אונזערע פאַרשוינען זיך אוועקגעהאַמפּערט. סענדעריל האָט געפרעגט קשיות און בנימין האָט איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז ער איז אַ נאַר און האָט קיין פיצעל ידיעה נישט אין אַזעלכע זאַכען.

סענדעריל איז דענסטמאל נעגליכען נעחען צו א פערדיל, וואס תמיד דינט עס זיין האר געטריי און פאלגט איהם אין פייער, אין וואסער אריין, פלוצים מאכט זיך א מאל, פאלט אויף איהם אן פון דער העלער הויט עפיס א מאנקאליע, עס שפארט זיך איין, שטעלט זיך דיבאם און וויל זיך נישט ריהרען פונ'ם ארט, חאטש טהו זיך דא, שונא-ציון, א מעשה אן. און ווען בנימין האט דענסטמאל נים נעשמיסען דעם איינגעשפארטען סענדערלען מיט א בייטש, דערפאר האט ער איהם דורכגעקוועקערט מיט זיין זים צינגעל און איהם אבגעשאטען מיט רייד, ביז סענדעריל איז געווארען ווייך ווי א טייג, א גוט פערדיל ווי פריהער. ער האט אויפגעשמעלט די אויערען, הערענדיג בנימינ'ס רייד, וואס האבען געבראכען דעם מוח, און לסוף האט ער זיך אנגערופען, ווי זיין שטייגער איז געוועהנטליך, מיט די ווערטער:

— אויב דו ווילסט דוקא אזוי, זאל זיין אזוי, וואס פאר א דאגה איך האב?

אז בנימין איז פארטיג געווארען מיט סענדערלען, האבען זיי זיך אייטער געלאזט אין וועג אריין און נאכדעם אז זיי זענען זיך אנגעגאנגען אויף גוענען און זייטענווענגעלעך זענען זיי נישט מויט—נישט לעבעדיג אנגעקומען קיין טעטעריווקע.

טעטעריווקע איז די ערשטע גרויסע שטאדט, וואס אונזערע וואנדערער האבען געזעהן אין זייער לעבען. דריבער איז קיין וואונדער נישט, וואס זיי האבען געקוקט אויף די גלייכע אויסגעברוקירטע גאסען אי אויף די גרויסע הויכע מויערען און נישט געקאנט זיך זאט אנקוקען. כמעט אויף די שפיצען פינגער זענען זיי געגאנגען אויף די טראטוארען און געהייבען די פים עפיס משונה, גלייך ווי זיי וואלטען זיך געהיט צושטארקען נישט צוברוהרען די גלאטע שטיינער און נישט אנמאכען, חלילה, קיין שאדען, — פים, וואס האבען נישט עפים אזא גוטע דאליע ביי זייערע בעלי-הבתים אין די קליינע שטעדטלעך און וואס מען מאכט דארט פאר זיי נישט עפים גרויסע צערעמאניעס! קליינשטעטלדיגע פים, וואס וויסען נעבעך, נישט פון קיין פארלאנגע צוזאגען אפילו אין שטוב, וואס קריכען, נעבעך, ווי די חזירים אין בלאטע, וואס זייערע בעלי-הבתים שטעקען זיי נעהענדיג טיף אהינצו אריין און דראלען מיט זיי, פראסטע-כאסטע, נאר אהן שום מלאכות, — אזעלכע פים מוזען באחת מבולבל ווערען ווי די שפארע, אז זיי דערפיהלען פלוצלים אונטער זיך א בריק פון שטיינער און מוזען פאר גרוים כבוד מאקי אביסיל אונטערשפרינגען און נישט וויסען





א צייט זיך וואהין-צוטאן. פרישע ערשט אנגעקומענע קליינשטעטלדיגע פים וועט איהר באלד דערקענען אויף די אויסגעברוקירטע גאסען אין די גרויסע שטעדט.

אונזערע טונעיאדעווקער פארשוינען זענען געגאנגען ווי מיט א פארקלעהמט הארץ און בהכנעה אבגעטרעטען פאר איטליכען דעם וועג. סענדעריל פלעגט אין אזא פאל אנגעהמען בנימין ביי דער פאלע און אהם א שלעפ טאן אין דער זייט. א מאל איז דורכדעם סענדערלען אויסגעקומען צוהאפען א שטיל טענציל מיט עמיצען, וואס איז געקומען אקעגען. יענער איז זיך געגאנגען גלייך זיין וועג און האט זיך אנגעשאגען מיט סענדערלען, וואס מחמת דעם אבטרעטלן האט ער איהם פונקט נאר פארשטעלט דעם וועג. יענער דאפט זיך רעכטס, אבער אונזער סענדעריל האט איהם מקדים געווען און שטעהט שוין גרייט, ביידע ווארפען זיך לינקס און ווייטער רעכטס, ביז יענעם גערעט לסוף אויסצומיידען זיך. איינער, וואס איז גראד נישט אויפגעלייגט געווען צוטאנצען מיט סענדערלען, האט איהם פראסט אנגענומען און א וואָרף געטאן אין דער זייט, אז די ציין זענען איהם שיער נישט ארויסגעפאלען.

אלסדינג איז פאר אונזערע פארשוינען געווען ניי, אלסדינג. האט זיך זיי אויסגעוויזען, טייט אויף זיי מיט די פינגער, די דראזשקעס שרייען, די פאעטאנען פילדערען, די טויערען שטעהען האפערדיג, קוקען שבאלץ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע כאפלעס און די מענשען קרימען זיך, אלסדינג שרייעט זיי נאך: תרבית, קבצנימלעך! תרבית, קליינשטעטלדיגע יודעלעך! תרבית, תרבית!...

— הערסט-דו, בנימין! — האט סענדעריל געזאגט, נאכדעם אז ער האט פארריסען דעם קאפ און געקוקט אויף די טויערען מיט דרך ארץ, — איך מיין, בנימין, דאס איז עפיס א סטאמבול!

— געה שוין, געה, נארעלע, ווי קומט עס צו סטאמבול? — האט בנימין געמאכט מיט אזא מינע גלייך ווי ער איז א סטאמבולער א געבוירענער, — סטאמבול, נארעלע, האט ת"ק מאל ת"ק גאסען, איטליכע גאס האט ת"ק מאל ת"ק פופצעהן-צוואנציג-אדער אפשר דרייסיגארנדיגע הייזער און אין איטליכם הויז וואוינען ת"ק מאל ת"ק מענשען! די מיינסט, אז דו ביסט שוין פארטיג? ניין, ווארט נאר, ווארט, נארעלע איינער, היינט איז נאך דא קליינע גאסען, יורדיקעס, קאטשעניוקעס, מאטשעניוקעס, פיסקעס, יארען און פאדווילען כחול הים;

— אי, אי, אי! — האט סענדעריל געמאכט פאר גרוים וואונדער, —

ס'איז דאָך עפּיס גאָר אַ שרעק, כּ'לעבען, אַזאַ גרויסע שטאָדט! נאָר איך בעט דיך, בנימין, פונואַנען קומט עס אָט די אַלע גרויסע שטעדט? מענשען זאָלען זיך צונויפשטיקען אין איין אָרט און ליגען איינער איבער דעם אַנדערען, גלייך ווי די וועלט איז וועניג און נישטאָ מעהר קיין ערד! עס מוז דאָך אוודאי דרינען עפּיס זיין, וואָס מענשען דערווייטערען זיך פון דער ערד און ווילען אַלץ פליהען אין הימעל, אין די הויכע, הויכע פענסטער. זאָל עס אפשר זיין דעריבער, וואָס דעם מענשענס נשמה וואַקסט פון הימעל, מחמת דעם ציהט עס איהם, נעבעך, אַלץ אַרויף, אַרויף, און ער האָט זעהר שטאַרק חשק אויסצושפּרייטען די פליגע־לעך און זיין אַלץ פון אויבען? וואָס זאָגען דערצו עפּיס דיינע חקרנים, בנימין? האָסט דו נישט בעגעגענט מכּח דעם עפּיס אַ שמועס ערגיץ אין דיינע חקירה=ספרים?

— על פּי הקירה, — האָט בנימין געמאַכט מיט אַ קנייטשיל, — איז וועגען דעם ענין דאָ אַ גאַנץ ווייטער שמועס, איך האָב שוין דערפון אַפילו געהאַט אַ מאָל צוטאָן ביי אונז אין בית-המדרש אונטער'ן אויווען און דורכדעם איז פאַרענטפערט געוואָר'ען די גמרא פון די צעהן טעפּ אָרעמקייט, וואָס זענען אַ־אָבגעשיקט געוואָרען אויף דער וועלט, ווי אויך דער פּסוק: כי מלא הארץ חמס, די וועלט איז פול געוואָר'ען מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אַביסיל מסביר זיין על פּי אונזער תורה. חומש האָסט=דו דאָך געלערענט, סענדעריל! לויט ווי עס שטעהט אין חומש, האָבען אונזערע עלטערן נאָר תחלת, אין די פריהערדיגע דורות, גע־וואוינט אין געצעלטען, נאָר בשעת דעם דור-הפלגה האָבען אַלע מענשען זיך פאַרקליבען אין איין אָרט, זיך גענומען מאַכען ציגעל און אויסבויען אַ שטאָדט מיט הויכע טורעמען אין הימעל. אין=דערמיט אַרבייט טאַקי איז שוין אויף זיי אָנגעפאַל'ען אַ בייזע מהומה, אַ געטימעל, איינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אַנדערען און די גאַנצע פיהרונג דאָרט איז עפּיס אויסגעקומען קאַפּויר. אַנס וואָס גאָט האָט זיי באַלד צוטריבען, האָבען מענשען ווידער אָנגעהויבען צולעבען, עטהמען פרייער און די וועלט איז ווייטער אויפגעריכט געוואָרען, נאָר דער חטא פונ'ם דור=הפלגה האָט נאָך איננאַנצען נישט אויפגעהערט. פון יענער צייט אָן ציהט זיך נאָך אַלץ, בעוונותינו הרבים, די תאוה ביי מענשען צושטיקען און צונויפשטיקען זיך, אויסצומויערען זיך הויך, צומאַכען זיך אַ שם און פליהען אין הימעל. וואָס האָסט דו אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַזלודניע? — זאָגט אברהם צו לוט'ן, למאי זאָלען דיינע מענשען זיך קריגען מיט מיינע איבער אַ שפּאַן





ערד, די גאַנצע וועלט שטעהט דאָך פאַר דיר פריי, געה דיר וואָהין דו ווילסט און לאָז מיך געמאַך!

נאָר איידער נאָך בנימין האָט געענדיגט דעם שמועס, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטאַרקער געשריי פון אַ פאַרטשיק, וואָס איז אונזערע פאַרשוינען אָנגעפאָהרען פון הינטען און האָט זיי שיער ניט מזיק געווען מיט דעם דישעל.

— אוחניאָקעס! האָט דער פאַרטשיק געשריגען אין איין אָטהעם און געמאַכט אויף זיי מיט דער בייטש, — וואָס קריכט איהר, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ווי די ראַקעס און פאַרשטעלט דעם וועג! היי, היי, יאַלדען! היי, היי, פלאַכטען!

אונזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבען געהייבען פיס און געלאָפען פאַר שרעק ווי די פערסטסטע מייז, דער אַהין און דער אַהער.

לויפענדיג האָט סענדעריל זיך אַ זעץ געטאָן אין אַ שטופּ און זיך אויסגעצויגען, נעבעך, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד.

בנימין האָט אין איילעניש זיך אָנגעשלאָגען אין אַ קויש מיט אייער, וואָס אַ קורעלאַפּנימשקע האָט געטראָגען. די אייער האָבען זיך צובראָכען און אויף איהם האָט זיך געעפענט אַ גיהנם, אַ פּיסק, אַ פייער, אַ געשריי. יענע פון די צובראָכענע אייער, נעבעך, האָט איהם אָבגעשאָטען מיט מיטע קללות, זי האָט איהם געוואָלט אָבשטעקען אָדער זי האָט איהם שוין טאַקי אָבגעשטעקט אַ פאַטש און שטאַרק חשק געהאַט איינצופלאַנטען איך אין זיינע האָר, — קורץ, בנימין האָט גענוג געליוזט ביז ער איז קוים מיט צרות לעבעדיג אַרויס פון איהרע הענד און געמאַכט אַ פליטה אין אַ הינטערגעסיל, וואָס אַהינצו איז אויך סענדעריל באַלד צוגעקומען.

— אָט האָסט=דו דיר אַ גרויסע שטאָדט! — האָט סענדעריל געזאָגט און אָבגעווישט מיט דער פּאָלע דעם שוויים פון זיין פּנים, — דאָ געהט נישט, דאָ שטעה נישט, דאָ רוה נישט, ווייסט זיי אַלע דער שוואַרץ=יאָהר!

— דאָס ציהט זיך נאָך אַלץ פונ'ם דור=הפלגה, — האָט געענטפערט בנימין, וואָס האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנז, — דאָס אַלסדינג, יאָב די [illegible] דאָ, איז אַלץ דור=הפלגה, מיט זיין בייזער מהומה, מיט זיין געטימעל, גנבה, גזלה און רציחה!

— אַי, אין דער ערד אַריין מיט'ן קאָפּ! האָט סענדעריל אַ מאַך

נעטאָן, —קום, בנימין, לאָמיר זיך אויסרוהען! דו וועהסט עפּיס שרעקליך אויס, עס פייערט דיר עפּיס אַ באַק, אַ רוח אין דער חצופה'ס טאַטען אריין! וויש נאָר אב, זיי מוחל, דעם פּנים, די חצופה האט, אַ פּנים, בשעת מעשה דיך אויסגעשמירי מיט געלכען פון אייער!

# דאס זיבעטע קאַפּיטעל.

## ווי צוליב בנימינ'ן ווערט אַ איבערקעהרעניש אין דער פּאָליט'קע.

אין איינעם פון די טעטעריווקער קלייזלעך האָט שטאַרק געקאָכט פון דער דענסטמאָליגער קרימער מלחמה, דער אונטעראויווען איז צו־פאַלען אויף פאַרשידענע כתות, איטליכע כתה מיט איהר פּרעזידענט און מיט איהר גאַנג אין דער פּאָליטיקע.

חייקיל בעל־מוח און זיין קאָמפּאַניע איז זעהר בעשעפטיגט געווען מיט דער מומע וויטען, פלעגט זי צוליגען אויף טעלערלעך און בעווייזען די הסברות אי די שפּיצלעך, וואָס אין איהר שטעקט.

הייקעל איז געווען אַ מאָל אַ שטיקעל זייגערמאַכער, ער האָט געהאַט אַ גרינגע האַנד צו מצה־רעדלען, קיינער האָט נישט געקענט אַזוי ווי ער אַ סוכּה מאַכען, דאָס לאָקשענברעט, די לאָפּעטע, די מילכעדיגע באַנק, דאָס טשאָלענטברעטיל און די צובראָכענע שטייג פון עופות זענען אין קיינעמס סוכּה נישט געווען אַזוי גוט צוגעפּאַסט ווי אין זיינער, דעריבער, ווען עס פלעגט נאָר אויסקומען עפּיס אַ רייד אין מאַשינען־זאַכען, פלעגט דער עולם האָבען פאַר איהם אָבשיי און זאָגען:

— דאָס געהער זיך אָן מיט חייקלען, חייקעל ווייסט.

חייקעל פלעגט אַלץ דערציעהלען וואונדערליכע זאַכען פון משונה־ווילדע ענגעלשע מאַשינעס, אַז די האָר פלעגען זיך שטעלען פּשוט קאַפּויר הערענדיג, און אַז איינער האָט איהם אַ מאָל מפסיק געווען די רייד מיט

עפּיס אַ קשיאָ און איהם געפּרענט דעם שכל דערפון, פלעגט חייקעל דער־קלערען דאָס איינגאַנצען קורץ און פּראָסט מיט עפּיס אַזאַ מין שפּרינגזשינ־קעלע און דערבײַ מאַכען אַזאַ מינע מיט אַ זיס שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט פאַרענטפערט אַ קלאָץ־קשיאָ און יענעם געעפענט די אויגען. הכלל, מיט אַ שפּרינגזשינע האָט חייקיל דערקלערט אַלסדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טעלעגראַף, אי אַ שפּילפּושקעלע און אַנדערע מיני המצאות אויף דער וועלט. איציק־פּשטן אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידען געווען מיט חייקילס שפּרינגזשינקעס. ער פלעגט קוקען דערויף עפּיס ווי אויף אַפּיקורסות און מאַכען מיט אַ געשפּעט:

— באַלד וועט שוין חייקיל זאָגען, אַז אַ גולם וכדומה אַזעלכע מופתים זענען אויך דורך אַ שפּרינגזשינקעלע... פּע, פּע. כ׳לעבען! זיינע אַלע זאַכענישען זענען, פּשוט איז פּשוט, איך בעט אייך איבער, גאָרנישט, מאַקע אַבּתע נאַרישקייטען.

און ווייל חייקיל בעל מוח איז געווען פערקאָכט אין וויטען, דריבער האָט איציק־פּשטן, חייקילס בעשטענדיגער מתנגד אין אַלע זאַכען, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מוהמע ראָסיע און זיך אַרויסגעשטעלט פאַר איהר מיט אַלע קרעפטען. איטליכער פון ביידע צדדים האָט שטאַרק געאַרבייט צובייגען אויף זיין זייט די איבעריגע קאָמפּאַניעס. איז חייקיל שוין גע־שטאַנען אויף אַ שטיקעל שטייגער מיט שמואליק באָקסער, דער פּרעזידענט פונ׳ם פּעטער ישמעאלס כנופיאָ און האָט שוין כמעט ווי האַלב זיך אויס־געגלייכט מיט בעריל פּראַנצויז, נאַפּאָלעאָנס אַ הייסער חסיד, האָט איציק אָנגעמאַכט אַ האַרמידער און צוגעצויגען צו זיך טוביה מאַק, קירהי׳ס מענש, פּאַטשטען זענען געפלויגען פון אַלע זייטען, איטליכער האָט גע־לאָזט זיינע ראַציעס, די וועלט האָט זיך געקעהרט און דאָס קלייזעל האָט זיך פּשוט געווינט!

אָט אין דער דאָזיגער צייט בשעת דער גרויסער מהומה זענען אונ־זערע פאַרשווינען אָנגעקומען קיין טעטריווקע און זיך אָבגעשטעלט אין דעם דאָזיגען קלייזעל אויף סטאַנציע.

סענדעריל מיט זיין כאַראַקטער איטליכען נאָכצוגעבען האָט אין די עניני הפּאָליטיקע אויך זיך נישט איינגעשפּאַרט און איטליכען צוליב גע־טאָן אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, פלעגט ער זאָגען, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, זאָל זיין אַזוי. און דריבער טאַקי האָט ער שטאַרק נושא־חן געווען און איז באַלד איטליכען געפעלען. ביים ערשטען שלום־עליכם איז ביי דעם עולם געבליבען, אַז סענדעריל איז אָהן אַ גאַל, אַ ייִ־





אָהן חכמות, וואָס האָט אין זיך נישט די מדה פון עקשנות. און ווען סענדעריל איז געווען אויפגעטראָגען מיט אַלע גלייך גאָר אָהן אַ שום חלוק, אָקעגען זשע איז בנימין געווען אַ איבערקלייבער און גאָר צום ערשטען איז איהם מעהר פון אַלע עפּיס געפעלען שמואליק באָקסער, צו וועלכען ער האָט ביסלעכווייז זיך צוגעלאָזט, ביז ער איז מיט איהם געוואָרען שטאַרק חבר. בנימין האָט איהם מגלה געווען דעם גאַנצען פּלאַן פון זיין נסיעה און שמואליק׳ן איז די זאַך זעהר שטאַרק געפעלען, ער האָט מכּח דעם איבערגעשמיעסט מיט חייקלען. חייקיל האָט דאָס גענומען אויף זיין מוח; און הגם די זאַך איז איהם אויסגעקומען אַביסיל שווערליך, דאָך איז דאָס איהם געגאַנגען אין קאָפּ, ער האָט באַלד טאַקי אין אַ סעסיע מיט בעריל פּראַנצויז און טוביה מאַק אָפּירגענומען דעם דאָזיגען ענין און זיי האָבען זיך דערויף שטאַרק פאַרחידושט.

— בנימין, — האָבען זיי געזאָגט, — זעהט טאַקי עפּיס נים אויס־ווי אַ געוועהנטליכער מענש, ער איז עפּיס ווי צוטראָגען, נישט אויף דעם עולם, אַז ער רעדט, איז שווער צופאַרשטעהן, וואָס ער מיינט, ער פאַר־טראַכט זיך אַ מאָל, שטעלט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און שמייכעלט, זיין הילוך און זיינע אַלע פּאַטשעמקעס זענען עפּיס משונה. דאָס אַלסדינג בעווייזט, אַז ער איז העט, העט גאָר פון אַ אַנדערער מדרגה, נישט גלאַט אַ מענש, און איהם מוז בוודאי עפּיס שטעקען, גלאַט פּשוט קען עס לגמרי נישט זיין, ווער ווייסט, אפשר איז דער בנימין גאָר נישט קיין בנימין, אַ קשיאָ אויף אַ מעשה!...

אַז בנימין און סענדעריל זענען פאַרסאָפּעט אַריינגעקומען אין קלייזעל נאָך דער מעשה מיט דער יודינע פון די אייער, איז דאָרט געווען אַ שרעקליכער געפּילדער. די סעסיע פון אונזערע פּאָליטיקער האָט שטאַרק זיך מפלפל געווען מיט איציק פּשטן, וואָס ער האָט זיך געריסען אויפ׳ן גאָרגעל און איטליכען אַריבערגעשריגען.

— נאַט זעהט, וואָס שטעהט אין יוסיפון, — האָט איציק געשריגען אין איין אָטהעם און געטייט מיט׳ן פינגער אין אַ ספר׳ל, — אין יוסיפון שטעהט, אַז אלכסנדר מוקדון האָט געוואָלט געהן צו די קינדער יונדב בן רכב, איז ער דערגאַנגען ביז צו די הרי חושך און ער מיט זיינע גבורים האָבען דאָרט נישט געקענט לחלוטין געהן, זייער׳ע פיס זענען גע־זונקען אין בלאָטע ביז איבער די קני׳ע. מחמת די זון שיינט דאָרט נישט, איז די ערד אין יענעם אָרט שטאַרק זומפּיג. היינט פאַרשטעהט איהר שוין, אַלכסנדר מוקדון, דער גרויסער אַלכסנדר מוקדון וואָס אי־

געפלויגען אויף א אָדלער און וואָס איז שוין געווען ביי די טירען פונ'ם גן-עדן, ער האָט נישט געקענט אריבער די הרי-חושך, מכל-שכן אייער פאַרשוין, אַזאַ נפש ווי ער! עס וועט איהם נישט העלפען דערצו אפילו חייקיל מיט אַלע זיינע שפרינזשינקעס.

— דו גראָבע קאָפּ איינער! — האָט חייקיל זיך צולאָזט אויף א קול און געטיטשעט איציקין מיט'ן גראָבען פינגער, — וואו זענען דיינע אויגען? אדרבה זעה טאַקי וואָס דאָ שטעהט ווייטער, ער זאָגט: אַז אַלכּסנדר מוקדון האָט דאָרט געהערט עופות, פייגלעך, ריידען יונית, איין פויגעל האָט איהם געזאָגט בזה הלשון: דיין מיה איז אומזיסט, ווייל דו ווילסט קומען אין גאָטעס הויז און אין דעם הויז פון זיינע קנעכט, די בני אברהם יצחק ויעקב, — היינט פאַרשטעהסט-דו שוין, גראָבע קאָפּ איינער, פאַר וואָס אַלכּסנדר מוקדון האָט אַהינצו נישט געקענט געהן?

— מילא וואָס וועסט-דו אָבער טאָן, מיין גרויסער בעל מוח, אויב עס קומט גאָר אוים ווי די יש אומרים דאָרט, אַז די עשרת השבטים מיט די רויטע יודלעך אָדער די בני משה וואוינען גאָר דאָרט ערגיץ נעבען דעם לאַנד פונ'ם פריסטער יאָן? נו, היינט לאָז דיין נפש מוחל זיין געפינען ערגיץ דאָס לאַנד פונ'ם פריסטער יאָן! מאָרגען נאָכ'ן קאַלטען קוגעל!

— עט, נאַרישקייטען, איציק! כ'לעבען, נאַרישקייטען.

— וואַרט נאָר, וואַרט, מיין בעל-מוח! עס איז עפּים נאָך דאָ א סמבטיון אויך! וואָס וועט ער טאָן מיט דעם סמבטיון, וואָס ער שלייודערט א גאַנצע וואָך שטיינער? לאָמיר שוין אָננעהמען אין דער סברא, אַז ער איז שוין אַריבער די הרי חושך, ער האָט שוין געפונען דאָס לאַנד פונ'ם פריסטער יאָן. נו קומט ער צו צום סמבטיון, טפררו! עס רעגענט מיט שטיינער, אוממעגליך צושטעלען א פוס, דאָס דאָ וועט דאָך איהם נישט העלפען אפילו דיין וויטע, זי זאָל זיך אפילו שטעלען מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף.

— הע, הע, דו טשעפּעסט שוין זיך אין וויטען! אט וואָהין דו ביסט פאַרקראָכען.

— וואָס איז דאָס אין-אמת'ן פאַר א גאַנג, איציק, אומזיסט-אומנישט שפּעטען פון די מלכיות, — האָט בעריל פראַנצויז זיך אַריינגעמישט מיט פאַרדראָס, — מיר רעדען דאָך איצט פון בנימינ'ן, זידעל דיר בנימינ'ן און מיש ניט אַריין די מלכיות, איך בעט דיך!

— פאַר וואָס זידלען בנימינ'ן? האָט זיך אָנגערופען טוביה מאָק,





בנימין געהט, דאַכט זיך, אויף א דרך, דורך איהם קען נצמח ווערען יודען א ישועה.

— אַי, מאָק, מאָק! — האָט איציק געמאַכט מיט תרעומות און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — אויף דיר, מאָקוניו, האָב איך מיך, כ'לעבען, נישט געריכט, אַז דו זאָלסט האַלטען מיט זיי און מאַכען אַזאַ פּירוש פון בנימינ'ן. וואָס האָסט-דו אין איהם אַזוינס דערזעהן?

— הערט נאָר, איך בעט אייך, א גאַנג פון א מענשען: וואָס האָסט-דו אין איהם אַזוינס דערזעהן?! — האָט שמואליק באָקסאָר זיך נאָכגעקרימט מיט א געשפּעט, — משוגע ביסט-דו היינט, איציק, צו וואָס? זיין אָבגעלאָזענקייט, זיין צוטראָגענקייט, זיין קוקען, זיין ריידען מיט זיין גאַנץ בענעהמען בעוויזען, דאַכט זיך, זעהר גוט, ווער ער איז אַזוינס, דאָס פּנים איז דער בעסטער שפּיגעל. אויב דאָס אַלסדינג איז ביי דיר קיין בעוויז נישט, ווייס איך שוין ניט, וואָס הייסט ביי דיר אַזוינס א מענש. אדרבה איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אליין אָנגעקומען, קוק איהם, זיי מוחל, אָן און זאָג, אויב דו ביסט נישט משוגע, טאַקי ריין חסר דעה... איהר זעהט, עפּים פּלאָמט איהם דאָרט א באַק אין דריי געלע פּאַסקעלער ציהען זיך איהם ווי א שיז אויפ'ן פּנים! נו, איציק, וואָס פאַר א פּנים האָסט-דו איצט?

איציק איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו בנימינ'ן, האָט איהם אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, איהם א שפּיי געטאָן כמעט אין פּנים אַריין און איז אַוועקגעגאַנגען אין איין כּעס.

פון דעם דאָזיגען שמיעס אָן וועגען בנימינ'ן האָט בעקומען די פּאָליטיקע א אַנדער פּנים, שמואליק באָקסאָר מיט בעריל פראַנצויז האָבען געשלאָסען בלאַט מיט חייקלען, וויטע האָט אַרויסגעשיקט אין ים טו'זענט גרויסע אָקרענטיען, מיט שרעקליך ווילדע מאַשינעס, דער פעטער ישמעאל איז אַריבער דעם פּרוט און נאַפּאָלעאָן האָט געשאָסען מיט באָמבעס אויף סעוואַסטאָפּעל, טוביה מאָק איז געשטאַנען אויף משקולת, נישט אַהין — נישט אַהער, געדרעהט מיט דער צונג נישט צו-וויסען, משטיינס-געזאָגט, אויף וועלכער וועלט ער איז, און איציק פּשטן איז געבליבען איינער אַליין ווי אויפ'ן וואַסער, ער האָט, נעבעך, געאַרבייט אויף אַלע כּלים און שיער נישט געשפּרונגען אַרוים פון דער הויט. א קאַטאָוועס איינער א קענגען אַזאַ חברה! דערפאַר האָט ער זיך פאַרעסען אויף בנימינ'ן, ער האָט פון יענער צייט אָן זיך אַלץ צו איהם געזוכט און איהם געטאָן אין דער גאַל אַריין.

„גאָט איז מיין עדות, דערצעהלט בנימין אין אַ אָרט, אַז איך האָב מיך נישט געמישט אין דער פּאָליטיקע, וואָרום איינמאָל צו וואָס טויג עס? צווייטענס, וואָס געהר זיך עס מיט אַ יודען אָן? פון-מיינטוועגען האָט געמעגט זיין אַזוי אָדער אַזוי, אַלץ גלייך. סענדעריל מיינער האָט אין אַזעלכע זאַכענישען זיך אויך, אָסור, נישט געמישט און פונדעסטוועגען האָט מיך איציק נישט געלאָזט רוהען, איך האָב פון איהם נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. אַ מאָל פלעגט ער מיך אַרומשטעקען הינטען מיט פעדערען, אָדער וואַרפען אויף מיר שטילערהייט אַ קישעלע, אָדער פערשליידערן ערגיץ מיינס אַ שוך, אַז איך האָב מיר דעם קאָפּ פאַרדרעהט זוכענדיג; בין איך ביי דער נאַכט אַנשלאָפען געוואָרען אויף מיין געלעגער, פלעגט ער מיט אַ שטרייעלע מיר קיצלען די פיאַטעס, אַז איך פלעג אַזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזען אַ פּאָמפּע אונטער דער נאָז, איך פלעג זיך אויפחאַפּען נישט טויט — נישט לעבעדיג און קייכען-הוסטען מחמת דעם רויך אפשר אַ שעה כּסדר, גלייך ווי איך בין שולדיג געוועזען אין דעם, וואָס די דריי קומפּאַניעס האָבען געמאַכט יד אחת".

# דאס אכטע קאפיטעל.

## זוי אונזערע פּאַרשוינען זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער.

דעם גרעסטען טייל טאָג זענען אונזערע פּאַרשוינען טרוד געוועזען מיט דער פרנסה, זיי האָבען געמאַכט וויזיטען אין די טעטעריוועקער הייזער און האָבען אין אַ קורצער צייט קונה שם געוועזען אַזוי, אַז מען פלעגט אויף זיי נאָכטייטען מיט די פינגער און בענגענען זיי דער מיט אַ גלייך-ווערטיל, דער מיט אַ שמייכעלע. אַ אַנדערער אויף זייער אָרט וואָלט זיך שטאַרק איבערגענומען פון אַזאַ כּבוד און צופּויקט אומעטום פון זיין גרויסקייט, אָהן עין הרע, אין דער וועלט, ווי מען האָט זיך געשמאָלצען פּשוט אָנקוקענדיג איהם, ווי מען האָט זיך געלאָבט מיט איטליך זיינס אַ וואָרט און מיט וואָס פאַר אַ שמייכעלע מען פלעגט איהם אויפנעהמען און אַרויסבעלייטען פון דער טיר. נאָר אונזערע פּאַרשוינען אָבער זענען ביי זיך געוועזען פּראָסטע מענשלעך און האָבען פון אַזאַ כּבוד זיך גאָר נישט געמאַכט. בנימין איז געוועזען פאַרטראָגען אין זיינע זאַכען און סענדערלען איז געלעגען אין זינען, די מאָרבע זאָל זיין פול און אין דער קעשעניע זאָל זיין עטליכע גראָשען אויף הוצאות. צי ניסט-דו מיט אַ שמייבעלע, צי מיט אַ קרים, וואָס מאַכט עס אַ יודען אויס, אַבי גיב.

היינט איז פּורים מאָרגען איז אויס,

ניי מיר אַ גראָשען און טרייב מיך אַרויס!

אָט דאָס איז דאָס בעקאַנטע יודישע לידעל, וואָס שילדערט זעהר

גוט זייער פראַסטקייט, זייער עניוות און וואָס סענדעריל פלעגט עס געהענדיג אויפ'ן וועג זעהר אָפט שטיל'ערהייט אונטערזינגען.

א-גוט מאָרגען, גאָט העלף! פלעגט סענדעריל זאָגען ביים אַריינקומען ערגיץ אין א שטוב, נאָכשלעפענדיג הינטער זיך בנימינ'ן פאַר דער פאָלע, דערנאָך פלעגט ער איהם דערלאַנגען אַ שטופ פאָראויס, איהם איינרוימען אין אויער, ער זאָל זיך ניט שעהמען און אַליין אַנידערשטעלען זיך אין דער זייט מיט גרויס דרך ארץ.

אַרומגעהענדיג אויף אַזא שטייגער, זענען אונזערע פאַרשוינען איינמאָל אַריין אין א שטוב, אין וועלכער זיי האָבען געטראָפען עפּיס א יונגען-מאַן טענה'נדיג מיט דעם בעל-הב"ה. עס האָט אויסגעזעהן פון די רייד, ווי דער יונגער-מאַן גיט דעם בעל-הבית צופאַרשטעהן די וויכטיגקייט פון עפּיס א ענין, וואָס דורכדעם קלינגט מיט איהם איצט די וועלט. ווי ער לויבט זיך פאַר איהם אָב, וויזט פאַפּירען און פערלאַנגט פון איהם עפּיס א זאַך, נאָר דער בעל-הבית קרימט זיך אָבער, טענה'ט ווי ער קען און צאַפּעלט פשוט זיך אויסצודרעהען פונ'ם יונגען-מאַנס הענד. דער בעל-הבית האָט זיך אָנגעחאַפּט אין אונזערע פאַרשוינען אזוי ווי א דערטרונקענער אין א שטרוי. ער האָט געשווינט זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפנונג, אפשר האָבען זיי צו איהם א נייטיג געשעפט און וועלען איהם דערווייל בעפרייען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילען, איז ער געבליבען שטעהן צומישט, שטאַרק פערוואונדערט, ווי איינער בשעת דאָס אָנשיקעניש טרעט איהם פלוצלים צו פון אַלע זייטען.

— אָט האָט איהר נאָך נוסעים! — האָט דער בעל-הבית זיך אָנגערופען נאָכדעם אַז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדעט צו דעם יונגען-מאַן, — די דאָזיגע יודען, זעהט איהר, זענען אויך נוסעים! נאָט אייך נייס, נוסעים אויף אונזער קאָפּ!

דער יונגער-מאַן מיט אונזערע פאַרשוינען האָבען איינער דעם אַנדערען זיך אָנגעקוקט.

— הערסט-דו, — האָט סענדעריל א ציה געטאָן בנימינ'ן פאַר דער פאָלע און איהם אַיינגערומט אין אויער, — מעגליך, אַז דער דאָזיגער יונגער מאַן וואַנדרעוועט אויך אַהינצו. . ער קען נאָך, חלילה, פאַרלויפען פריהער און אונז אָבטאָן אויף טעריקיש.

— אפשר זייט איהר טאַקי אַלע איין קאָמפּאַניע? — האָט דער בעל-הבית זיך ווייטער אָנגערופען.





— חלילה, חלילה! האָט בנימין מיט סענדערלען ביידע אין איין קול געשריגען, — מיר געהען בעזונדער, געהען מיר!

— געהט אייך געזונטערהייט בעזונדער, ביי מיר אָבער הייסט איהר איין קאָמפּאַניע, — האָט דער בעל הבית געזאָגט און אַרויסגענומען א מטבע פון דער קעשעניע.

— ניט, זייט מוחל, אונז, אונז ניט, — האָט סענדעריל געבעטען און אויסגעשטרעקט די האַנד, — מיר וועלען שוין דעם יונגען-מאַן אַרויסגעבען זיין חלק. קומט, יונגער-מאַן, מיר וועלען אייך אַרויסגעבען, איך האָב מינץ.

אין-מיטען-דרינען האָט זיך געעפענט די טיר פון דער קיך און א שרעקליכער קול האָט זיך געלאָזט פון דאָרט הערען משונה ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטעהט נעבען דעם קליינעם דאַרען יודעל, זיי האָבען דענסטמאָל אויך ביידע זיך אַרומגעשלעפּט. איך האָב איהם דערקענט, דעם שענעם נפש, אין זיין פנימיל, אין זיין געל בערדיל, אויסגעצופּט זאָל עס איהם ווערען! אין זיין צוחראַשטעטע הערצעלע, א פאַרחאַפּט, רבינו של עולם, לאָז ער ווערען, לאָז עס מיט איהם קיקלען, מאָרדעווען און אויסרינגען דאָס מאַרך פון זיינע טרפה'נע ביינער, אויסרינגען!

— קום, בנימין, אוועק! — האָט סענדעריל געזאָגט שלעפּענדיג בנימינ'ן פאַר דער פאָלע, א רוח אין דער חצופה'ס טאַט'ן אַריין, זי האָט נאָך אַלץ צוטאָן מיט די צובראָכענע אייער!

# דאס ניינטע קאפיטעל.

## די זכות־אבות האבען פאר אונזערע פארשוינען זיך געלעגט:

זיפצען און קרעכצען מוז מען, אז מען לייענט די געשיכטען פון די גרויסע בעריהמטע קאפ־מענשען, ווי זיי האבען, נעבעך, געליטען שטארק זייער גאנץ לעבען פון דער וועלט, פאר וועלכער זיי האבען מקריב געווען זייערע טעג און יאהרען און זי בעגליקט מיט זעהר נוצליכע זאכען, וואס זיי האבען מיט זייער שכל דערגאנגען. די וועלט איז בטבע א קינד, וואס האט ליב זיך צו האלטען נאר אין דער מאמעס פארטוך, נישט אבצוטרעטען פון איהר אויף א האר; וואס האט ליב אלץ די אלטע נארישע מעשיות, וועלכע די ניאנקעס און אלטע באבעס חזר'ען זיי איהם איבער הונדערט מאל אין טאג; וואס מיינט, אז בעסערם פון זיינע שפילכלעך איז טאקע גאר נישטא, אין דרינען שטעקט די גאנצע חכמות, וואס קען נאר זיין, און אז דער בעהעלפער קומט איהם נעהמען אין חדר אריין, אויסצולעהרנען איהם עפים, שרייעט ער גוואלד, גלייך ווי מען וואלט איהם געקוילעט. די וועלט האט ליב צו לעבען אזוי ווי זי איז געוועהנט, עפים א נייס קומט איהר אוים משונה ווילד, זי שרייעט דערויף מעשים און זידעלט, מאכט מיט דער בלאטע גלייך דעם, וואס טראכט אזוינס אוים. ערשט דערנאך, אז דאס נייס איז שוין נולד גע־ווארען, עס האט זיך איינגעלעבט און וויזט בעשיינפערליך ארוים דעם גרויסען נוצען וואס אין איהם ליגט, ערשט דענסטמאל חאפט מען זיך





אין דעם שטארק אן, מען האט דערפון גרוים הנאה און פארגעסט כלל יענעם, נעבעך, וואס האט עס מיט נויטשוויים ממציא געווען. נאך זעהר שען פון דער וועלט, אז זי האט זיך זיינער דערמאנט איהם צומאכען חאטשע א מלא און צושטעלען איהם א מצבה. מיליאנען מענשען לעבען היינט גליקליך און עטהמען פריי אין אמעריקא, און קאלומבוס בשעת איהם איז אריין דער געדאנק צו ענטדעקען אמעריקא האט, נעבעך, שטארק געליטען, די וועלט האט איהם געהאלטען פאר משוגע און אוים איהם חוזק געמאכט.

דעסגלייכען איז אויך געווען מיט אונזער בנימין'ן פון טונעיאדעווקע. נאר אנקוקענדיג איהם האט מען איהם געהאלטען פאר א משוגענעם און הערענדיג זיינע רייד איבער דער נסיעה האט מען זיך געשטיקט פאר געלעכטער, מען האט מיט איהם געטריבען קאטאוועס, איטליכער האט מיט איהם געהאט צוטאן און אוים איהם געמאכט א קאטער. א נס, וואס בנימין האט עם אזויפיל נישט פערשטאנען. זיסט וואלט ער זיך פאר־עסען, חס ושלום, קראנק געווארען און א שפיי געטאן אויף דער גאנצער נסיעה!

מיר היפערען איבער א כך זאכען פון דעם עולמ'ס המצאות'לעך איבער בנימינ'ן, בכדי דאס זאל אויף אונז אלע נישט פאלען פאר קיין אייבינען פלעק און דאס זאל אונז נישט זיין צו קיין חרפה, צו קיין בושה אין דער געשיכטע פאר די שפעטערדיגע דורות. מיר מאכען זיך נישט וויסענדיג פון די אלע זאכען, האטע פאקרישקע, און נעהמען זיך וויטער צו אונזער דערצעהלונג.

„אין טעמעריווקע, זאגט בנימין, איז דא א גרויסע קהלה יודען, זאלען זיך פרוכפערן און מעהרען. ווער זיי זענען, וואס פאר א מיני מענשען זיי זענען און פון־וואנען זיי האבען זיך גענומען, דאס, פרעגט זיי בחרם, ווייסען זיי אליין נישט, זיי האבען נאר בקבלה פון טאטעס, זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס, אז זיי וואקסען פון יודען, און ווי עס זעהט אוים פון א טייל זייערע מנהגים, פון זייער הלבשה, פון זייער לשון און פון זייער האנדעל וכדומה זענען זיי, א פנים, טאקי מחויב צו זיין יודען, נאר צונויפגעלאפענע, אבגעריסענע פון פערשיעדענע שבטים, ווארום איינער מיט דעם אנדערען גלייך זיך גמעט נישט אן. לאז, א שטייגער, איינער פאלען, וועט דער אנדערער איהם נישט אויפהייבען. האטש ער זאל, גא־ציק, די כפרה ווערען, די מיתה־משונה איינגעהמען דא אויפ'ן ארט...

צוווייין זיי זיי דא א טייל, וואס פארשטעהען זעהר גוט מאגיפארגע־

לשון. מאניפארגע איז מאני=פארניסימו״ז, דאס הייסט מאני—לשון, פארני—ציגיינעריש. מאניפארגע-יודען קענען חכמת היד, קוקען יענעם אין דער האנד אריין און ציהען געוועהנטליך דערפון זייער פרנסה, דערצו נאך קענען זיי אנדערע מלאכות, לעמפלעכמאכערס און טאקערס זענען זיי טאקי איינע אין דער וועלט. חידושין נאר מוז מען זיך, ווי זיי מאכען א מאל יענעם א לעמפעל און טאקען=אב זאכען עפיס גאר שלא כדרך הטבע. איך האבען זיי א מתנה פון זיין ליבען נאמען אבצוזאגען א מאל א פזמון, און דווקא שטילערהייט, מיט אזעלכע מיני תנועות, אזש טרערען שצעלען זיך דורכדעם אין די אויגען און זיי נעהמען דערמיט ביי יענעם פשוט צו דאס חיות... מען זאגט, יאקבי זיי שטאמען פון די ערב רב פון דער גזע כפתורים.

בכלל, זאגט בנימין, זענען די איינוואוינער דארט עהרליכע לייט׳ גוטע מענשען, זיי פלעגען מיך אויפנעהמען תמיד מיט א שמייכעלע און משונה הנאה האבען מיט מיר זיך אבצוגעבען, מען האט געזעהן בעשיינפערליך, אז זיי זענען מיט מיר שטארק צופרידען. איך ווינש זיי פונ׳ם גאנצען הארץ, אז גאט און לייט זאלען פון זיי אייביג אויך אזוי צופרידען זיין, אמן.

א חידוש נפלא, דערצעהלט ווייטער בנימין, דארט אין דער סביבה בעגעגענט מען א מאל פארשוינען, וואס זענען אביסיל ווי חזירעוואטע, מען דערקענט עס זיי באלד אין דעם אנבליק. א טייל זאגען, אז דאס איז אזא פארארדע, ווידער א טייל ווילען האבען, אז דער ארט איז ורעצו מסוגל. בנימין וויל דרינען נישט מכריע זיין, דאס געהר זיך אן מיט די געלעהרענטע, זיי זאלען די זאך פארשען און אונז דערקלערען אקוראט וואס דאס בעטייט. נאר ווי די מעשה איז, זאגט בנימין, אזוי צי אזוי, די זאך אליין איז קיין נייס נישט אויף דער וועלט. נאך דער אלטער מתתיהו דעלעקארטי. העט-העט אין די פריהעריגע יאהרען בריינגט אין זיין ספר „צל עולם״ בזה הלשון:

„אין בריטאניה איז דא א פאלק מיט א עק פון הינטען ווי ביי בהמות, אויך זענען נאך דא ווייבער, הויכע, גרויסע ווי די ריזען און זיי זענען בעוואקסען מיט שטשעטינעס (חזיר=האר) ווי די חזירים. אין צרפת האט זיך געוויזען א פאלק מיט הערנער. אויף יענע בערג זענען דא ק־ומע ווייבער און די וואס איז מעהר קרום איז אלץ שענער״: „טאקי ממש ווי מען בעגעגענט נאך ביי אונז, היינטיגע צייטען, זעהר פיל ווייבער, וואס קומען אויס קרום, שטארק בולט, מחילה, פון הינטען,





מיט א לאנגען עק, וואס באמבעלט זיך און שלעפט זיך זיי נאך אויף דער ערד. דאס וואס איז געווען, זאגט דער פסוק, דאס וועט אויך זיין און ס׳איז נישטא קיין נייס אונטער דער זון״!

טעטעריוועקע, זאגט בנימין, איז גרויס מיט שענע מויערען און לאנגע גאסען, אנקוקענדיג זי ביים ערשטען מאל, דאכט זיך אויס, די לעבט, עס קאכט דארט און רוישט, נאר דערנאך אז מען ווערט אביסיל איינגעוועהנט, זעהט מען, אז זי איז אין תוך אריין א מין גרויסע טונעיאדעווקע. די איינוואוינער דארט עסען, לעגען זיך שלאפען, שטעהען-אויף זיי געוועהנטליך אלע טאג אין איין צייט. די צייט ווערט גערעכענט דארט נאך דעם עסען, פונ׳ם אנבייסען, א שטיינער, ביז ווארעמס און פון ווארמעס ביז וועטשערע, מחמת אנבייסען, ווארמעס און וועטשערע זענען דריי קרעטשמעס אין זייער לעבען, וואס אהינצו גארט מען זיך צודערשלעפען אויף א פאפאס און עפיס טאן נאכדעם אז מען האט פערבראכט א שטיק צייט מיט גארנישט אין א פוסטען סטעפ. מען זאגט, יאקבי טעטעריוועקער לופט מאכט בטבע פויל, אבהענדיג און שלעפעריג. ווען עס פאלט אהינצו אריין עפיס א מענש מיט קוראזש, מיט א חשק עפיס צו ווירקען, נעהמט עס אין א קורצער צייט ביי איהם צו אי דעם קוראזש, אי דעם חשק, און עס בלייבט איהם מעהר נישט איבער ווי דער חשק צועסען, צושלאפען און אויפצושטעהן בכדי ווייטער צועסען און צושלאפען.

בנימין האט דארט געזעהן די סטאנציעס פון די קליין=שטעטעלדיגע סבארשטשיקעס און פאוויערענעס. אוועקפאהרענדיג פון דער היים האבען זיי ארויסגעוויזען קוראזש און שטארקייט נאך פיעל מעהר ווי מען בעדארף. מען מוז פאהרען,״ האבען זיי אלץ געדרונגען און איינגעשמועסט דעם עולם, מען מוז פאהרען, זיך סטארען ארבייטען און איינלאדעווען סכח דעם געלד איף געוויסע קהלשע הצטרכות און מכח נאך אנדערע שטעדטישע זאכען, האטש זייער סטארען=זיך, א־בייטען און טאן וועגען דעם איז אינגאנצען א איבעריגע זאך, טאקי נאר ווי א פינפטע ראד צום וואגען, ווייל דערויף איז דא א סמעטע, און אלסדינג וועט גקמאכט ווערען גאר אהן זייער הילף. נאר זיי האבען אבער פארט בעקומען שטארק חשק, עס האט זיך זיי משונה פארגעלוסט, האבען זיי גענומען ביים עולם געלד פאר זייערע ווייבער און קינדער אי פאר זיך אויף הוצאות אין כארש אין וועג אריין אין א גוטער, אין א מולדינער שעה. אין טעטעריווקע קומענדיג איז זיי, מעשה שטן, באלד פערגאנגען דער חשק, —

חאו בריהשקייט, ווען בריהשקייט! האָבען זיך אנידערגעזעצט אויף דער סטאנציע פויל, אָבהענדיג, נאר גענעסען, נעבעך, געטרונקען און געשלאָפען, גלייך מען האָט זיי א כשוף אָנגעטאָן. אין דעם צושטאנד פארברייגען זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָהרען, דער עולם שיקט זיי אַלץ צו, אויף דער בקשה, געלד און ווייטער געלד און זיי היגען טאַקע אלץ, געניצען, עסען, שלאָפען, נעבעך, ווי די פארצויבערטע פרינצען, און ס'איז פשוט אוממעגליך זיי פון דאָרט ארויסצוּרייסען, אפילו קיין בעל שם און קיין טאָטער קענען דערצו אויך נישט העלפען.

בנימינ'ן האָט אָנגענומען א יצר הרע זיך צובעקענען מיט די בעריהמטע געלעהרנטע און שריפטענשטעלער וואָס אין מעטעריווקע. עפּיס איז ער דאָך אויך א שטיקעל קענער, א חקרן, וואָס קוקט אריין אין די קליינע אותיות'לעך און ווייסט, וואָס איז אַזוינס א יודישער חקירה-ספר, פון וואַנען די דאָזיגע לייט האָבען געשעפּט זייער תורה, זייער ידיעה אין די שבע חכמות. היינט ווי שיקט זיך עס, קומען אַהער און זיך נישט זעהן מיט זיין סאָרט מענשען?! חוץ דעם האָט זיך איהם געוואָלט טאַקי איבערשמיעסען מיט זיי וועגען זיין נסיעה, אַזעלכע לייט וועלען איהם דאָך פארשטעהן און קענען אָבשאַצען דעם ווערטה זיינעם. ער האָט געהאָפט, זיי וועלען איהם נאָך געבען הסכמות און איהם העלפען ווי אויף דרוקעס, זיי האָבען דאָך ליעב ארויסצוגעהן מיט זייערע הסכמות אויף קלייניגקייטען, שמאָכטעלייען, בפרט נאָך אויף אַזאַ זאַך, אויף אַזאַ וויכטיגע זאַך, דאָ וועט דאָך די פען זייערע זיך צולאָזען גאַלאָפּ, גאַלאָפּ ווי א פערד.

נאָר צו וועלכען פון זיי בנימין איז געקומען, האָט ער איהם אַלץ געטראָפען אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָפט! איינמאָל איז איהם געראָטען צוטרעפען איינעם פון די לייט — א ווילדער שרייבער, משונה א בעריהמטער בריה — ווי ער איז געזעסען אָנגעלעהענט אויף א באנקבעטעל אין א אָבגעזונדערט חדר'ל.

— גוט מאָרגען!

— גוט יאָהר! וואָס וויל א יוד?

— עט, אַזוי, א ביסיל שמיעסען!

אַהין-אַהער, עפּיס פלאַטשיק דער עסק. דער בריה איז עפּיס ווי צוקראָבען, קים וואָס ער ריהרט מיט די ליפּען, די נשמה ליגט איהם אויף דעם שפּי'ץ נאָז און עס קלעפּען זיך איהם די אויגען. בנימין ביינטערט איהם, רעדט איבער איהם ווי ער קען, נאָר אומזיסט די סיה. ער איז





קאַלט ווי אייז. ערשט דערנאָך האָט ער זיך אַביסיל אויסגעטשוכעט, א שטאַרקען געניץ געטאָן און אריינגערופען דאָס ווייב.

— ווען וועט מען שוין געהן עסען? — האָט ער זי א פרעג געגעבען און אויסגעקנאַקט די ביינער מיט א געשמאַקען געניץ, — לאָז מען שוין געבען עסען, וואָרום איך וויל, האָט ער געזאָגט, איך וויל אַביסיל צולעגען מיך שלאָפען....

הכלל, טעטעריווקע איז א גוטע ספּאַלניע, אַלסדינג שלאָפט דאָרט דוהיג: אי דאָס געלערנטקייט, אי דער האַנדעל, אי די בענק, אי די פּראָצעסען (לאָדענישען) און אַלע מיני געשעפטען. ווי מען זאָל זיי נישט פּריווען וועקען, קען מען זיי אַלץ נישט דערוועקען. אַפילו ווען עטליכע מענשען פערקלייבען זיך א מאָל אינאיינעם, נעהמט זיי באַלד אָב דאָס לשון, ויצען, געניצען און קוקען איינער דעם אַנדערען אָן ווי די גולמ'ס, און די גאַנצע געזעלשאַפט ווערען אַנשלאָפען. ערשט ווען מען דערלאַנגט די וועטשערע, ריהרט זיך אין זיי א אבר, זיי ווערען לעבעדיג, נעהמען זיך געשמאַק צו דער אכילה, עסען אָב — און א גוטע נאַכט! זיי געהען א היים שלאָפען...

אונזער בנימין האָט עס געפיהלט שפּעטער אויף זיך אַליין, ער האָט דערנאָך אין טעטעריווקע נישט מעהר געטאָן ווי געגעסען און געשלאָפען און דער חשק פון דער נסיעה איז איהם עפּיס ווי פערגאַנגען. ער איז געוועזען אין א גרויסער סכנה פערפאַלען צו ווערען דאָרט, אַזוי ווי א שיף, וואָס חאַפּט זיך אריין אין דעם שטילען ים, און אָבשלאָפען דאָרט זיין לעבען ביז איצונד, ווען מיט איהם זאָל זיך נישט געווען מאַכען א מעשה, וואָס האָט ווי א שטורעמווינד, אויף זיין גליק און אויף דער וועלטס גליק, איהם מיט גוואַלד ארויסגעטריבען פון דאַנען ווייטער צו זיין נסיעה.

די שנאה פון איציק פשטן צו בנימינ'ן האָט וואָס א טאָג אַלץ מעהר געוואַקסען. ער האָט די לעצטע צייט ווי א זלודניע זיך איינגעגעסען און בנימינ'ן און זיך גענומען שטאַרק מפלפל צו זיין מיט איהם איבער זיין נסיעה, איהם לעגען שטיינער אויפ'ן האַרץ, אַז דענסטמאָל, ווען דאָ אויף די דאַלאָניע וועט וואַקסען האָר, וועט ער קומען צום סמבטיון, און עהן די רויטע יודלעך ווי ער זעהט זיין אויער.

בנימין אָבער האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע און אויסגעדרונגען, אַז ס'איז דאָ אין דער וועלט א בורא, וואָס פאַרלאָזט נישט די, וואָס האָבען אין איהם א בטחון, נישקשה, ער וועט, אם ירצה

חשם, מיט גאָטס כח דערגעהן אהינצו, שונאים אויף צושפּרינגעניש, און אז בנימינ'ן פלעגט טענה'נדיג זיך צושפּילען די געבלימטען פלעגט ער זוערען פלאַם־פייער און אין־דערמיט שמיעס אַריינוואַרפען אויף א קול: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרם, אייזעל, מוילאייזעל וכדומה! דאָס האָט גע־הייסען אַזוי פיל ווי: בילט אויף די ציין, אָט בין איך שוין העט ווייט, אָט בין איך שוין דאָרט אין דער מדבר און נעה און געה און נעה!...

איציק פלעגט דריי מאָל אויסשפּייען און זענען: ער איז פּשוט משוגע, חסר דעה, מען בעדאַרף איהם פיהרען צום טאָטער. און האָט צום סוף אַזוי ווייט געבראַכט, אז קוים האָט בנימין זיך געוויזען אויף דער גאַס, זענען איהם ווייסע־חברה נאָכגעלאָפען ווי נאָך א משוגענעם מיט שטיינער, איהם געמאַכט א אורא און געשריגען: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרם!

איינמאָל, אז בנימין מיט סענדערלען זענען פאַרנאַכט געגאַנגען ביידע אין גאַס, איז חברה זיי בעפאַלען ווי די היישרעקען און זיי שטאַרק דערקוטשעט, אַזוי אז זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען מיט הינטער־געסלעך. אין איינעם פון די ענגע געסלעך, האָבען זיי לויפענדיג באַרג־אַראָב איבער א לאַנגער, שמאָלער קלאַטקע איבער א טייך זיך בעגעגענט דאָרט סאַמע אויפדערמיט מיט אַ מענשען, וואָס איז זיי געקומען אַקעגען. אויסמיידען זיך דאָרט איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט, סיידען אַראָבשפּרינגען און צושלאָגען דעם קאָפּ, אָדער וויינגסטענס זיך אויסברעכען אַ פוס. די ביידע זאַכען אָבער האָבען אונזערע פאַרשוינען בעדאַרפט האָבען נייטי'ג אין לעבען אריין. אָהן אַ קאָפּ אָדער אָהן אַ פוס וואָלט דאָך קיין סברא נישט געווען צומאַכען זייער נסיעה. און בנימין מיט סענדערלען זענען געבליבען שטעהן מיט אַראָבגעלאָזענע נעזער.

— אַ־אַ, שלום עליכם, בנימין! — האָט יענער פאַרשוין, וואָס איז געקומען אַקעגען, אַ זאָג געגעבען מיט אַ פאַרדראָס אי מיט אַ געלעכטער, אינאיינעם. — אַ גוטע בעגעגעניש, כ'לעבען, אַזוי ווי געוואונשען!

— שלום עליכם, עליכם שלום, רב אַייזיק דוד! — האָט בנימין געענטפערט נישט מיט זיין קול שטאַרק צומישט.

דער דאָזיגער פאַרשוין איז געווען רב אַייזיק־דוד רב אהרן יוסילים שרה־זלאַטעס, דער חכם פון טונעיאַדעווקע.

— שענע מענשען! — האָט רב אַייזיק־דוד געמאַכט מיט תרעומות.—





מען פאהרט אוועק פון דער היים בגנבה, גלאט אוועק. פאר וואס, פאר וועןז וויס איך? אלסדינג מוז דאך זיין עפּ'ים מיט א גאנג, מיט א דרך הטבע. וואס הייסט גלאט אוועק און מאכען ווייבער, נעבעך, אהן א שום נא:ג, פאר וויסטע עגונות. מאכען ווייבער! וויס איך, ס'טייטש. אדרבה, שוין אוועקגעשטעלט אלסדינג אין דער זייט. פרעג איך אייך נישט מעהר, נאך א מאל טאקי, אדרבה, סטייטש. סטייטש?! פארקעהרט זאגט, וואס טהוט איהר דא? איך מיין טאקי דיך אויך, סענדעריל. נישקשה, איך זעה דיך ווי דו שטעהסט פון הינטען. דיין ווייב, סענ־דעריל, וועט דיר, נישקשה, געבען, גוט מכבד זיין וועט זי דיך. דיין ווייב, ווי א הערינג, אזוי אין כעס איז זי. וואלט זי דיך צורייסט, דיין ווייב. דאס הארץ אבער האט איהר געזאגט, אז דא מוזט איהר אוודאי זיין, האט איהר געזאגט דאס הארץ, דיין ווייב. און זי האט געוואלט נישט אנדערש פאהרען נאר אהער, האט זי געוואלט נאר מיט מיר, דיין ווייב.

— הא, ער איז דא! — האט א געשריי געטאן א יודענע, וואס איז אונטערגעקומען פון הינטען צו רב אייזיק־דוד'ן.

סענדעריל האט אין קול דערקענט זיין בחור'טע. ער איז געווארען ווייס ווי די וואנד און געבליבען אהן א נשמה פאר שרעק. ער האט מיט ביידע הענד זיך אנגעהאפט אין בנימינ'ס פאָלע, ער זאל נישט אראבפאַלען פון דער קלאטקע, אזוי האט איהם זיך דער קאפ פארדרעהט. עס האט איהם זיך געדאכט, אט נעהמט איהם שוין אן זיין ווייב און פעטש־שיטען זיך איהם ווי האָלץ.

— קוקט נאר אן די נפשות, די שענע נפשות. א, די כפרה זאלען זיי ביידע ווערען! הא, וואו איז ער דארט ערגיץ, מיין ימח־שמוניק? לאָזט מיך נאר צו איהם צו א ביסל. לאזט מיך. איך וועל אוהם תייוען וואס פאר א נאט מיר האבען!

אזוי האט אין איין אטהעם געשריגען סענדערילס ווייב און געשטופּט רב אייזיק־דוד'ן.

— נאר אהן געשריי, אהן רעש! — האט רב אייזיק־דוד זי גע־בעטען. — האט נאר צייט, אז איהר האט אזוי פיל געווארט, ווארט־זשע נאך אביסל. קיין עגונה, מיט נאטס הילף, וועט איהר דאך שוין קיין עגונה נישט זיין. און ווייטער, ווי זאגט מען עפּים, הא? אויך די

איינעגע מעשה, א יודענע בלייבט טאקי א יודענע. דאכט זיך, א קלוגע, און פארט א יודענע. לאָמיר שמיעסען די איינענע זאך פארקעהרט, כילא סה רעש? ס׳איז נישט טעהר גלאט פארדראָסינג: גלאט אוועק, פאר וואס, פאר ווען? אלסדינג מוז דאך זיין עפּים מיט א גאנג. פאר־שטעהט איהר מיך? נאר אז ס׳איז שוין אזוי, איז דאך שוין טאקי אזוי; היינט ווי באלד ס׳איז אזוי, איז דאָך טאקי די קשיא, צו וואס נאָך שרייען? דער תירוץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער, ווי א אייגענע מוטער: א יודענע, מחילה, בלייבט טאקי א יודענע.

רב אייזיק־דוד האָט זיך ערשט צו־ווינט און געוואָלט, חי זיין שטיינער אין, דעם שמיעס זיינעם איבערשמיעסען ווידער פארקעהרט, דערנאָך ווייטער א מאל פארקעהרט און אריינגעבען דרינען א ביסיל פעפער מיט ציבעלע, נאָר פוןביידע זייטען קלאָטקע זענען געשטאנען א סך מענשען, וואָס זענען דערהווייל אָנגעקומען. זיי האָבען פונדערוויי־טען זיך שטארק געבייזערט דערויף, וואָס יודען האָבען זיך אנידערגע־שטעלט דאָ שמיעסען, גלייך ווי עס געהט זיי נישט אָן די גאנצע וועלט, און לאָזען קיינעם נישט אריבערגעהן.

די קלאָטקע איז אזוי שמאָל געווען, אז צוויי מענשען האָבען דאָרט זיך נישט געקענט מיידען. די וואָס פון איין זייט האָבען תמיד געמוזט וואַרטען ביז יענע פון דער אנדערער זייט וועלען פריהער אריבער. דריבער האָט סענדערילס ווייב מיט רב אייזיק־דוד׳ן געמוזט צוריק געהן צו יענער זייט קלאָטקע, פון־וואַנען זיי זענען אָנגעקומען, דעסגלייכען סענדעריל מיט בנימינ׳ן האָבען אויך צוריקגעקעהרט זיך צו דער אנדערער זייט און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיגער זייט טאקי, דער עולם אָנגעהויבען איבערצוגעהן די קלאָטקע.

— איך בעט דיך, סענדעריל, וואָס שטעהען מיר דאָ אזוי, און וואַרטען? — האָט זיך אָנגערופען בנימין, וואָס איז פריהער צו זיך געקומען. — עפּים שטעהען מיר דאָ, אזוי גלייך ווי מען בינדט צו א יונגעל מיט א עק פאדים אין מויל און מיט דעם אנדערען צום פיסיל פון טיש. נאַרעלע, איצט האָבען מיר צייט ניצול צו ווערען.

— נערעכט, ווי איך בין א יוד! האָט סענדעריל א זאָג געטאָן פרעהליך, ווי איינער וואָס רייסט זיך ארויס פון דער קלעהם. — ניכער, ניכער, בנימין! איב דו ווילסט, איך זאָל נישט אריינפאלען אין איהרע הענד. דאָס איז נישט קיין קלאָטקע, נאָר זכות־אָבות האָבען דאָ פאר אונז זיך געלעגט.





אונזערע פאַרשווינען האָבען געמאַכט געשווינד א פליטה און אין עטליכע מינוט זענען זיי שוין געווען ווייט ערגיץ אין א אנדער עק שטאָדט. זיי האָבען נישט געמאַכט לאַנג שיהות, פאַרנומען באַלד זייערע פעקלעך און זיך געזעגענט מיט טעטעריוקע.

# דאס צעהנטע קאַפּיטעל.

## אורא, רויטע יודלעך!

— היי, וויאָ, וויאָ! — האָט אויף דער קעלניע פון אַ בויד הייזערית געשריגען אַ שמייסער אין איז שיער מיט׳ן דישעל נישט אַרויפגעפאָהרען אויף צוויי ווייבלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין־דערמיט גאַס, סאַמע די לעבעדיגסטע פון גלופּסקער גאַסען, ביידע מיט טאָרבעלעך שפּייזג פלייש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל, אונטערען אָרם, און האָבען איינע דער אַנדערער אַיינגערויכט סודות אי אויסגעגאָסען דאָס האַרץ שרײַענדיג אויף אַ קולכיל, אַז מען האָט איהם געקענט הערען ווייט פאַר אַ מײַל.

די ווײַבלעך זענען אין מיטען שמיעס זיך צולויפען, איטליכע אין אַ אַנדער זייט גאַס, און זיך געשטעלט פונדערווייטענס צווענדיגען זייער שמיעס אַריבערשרייענדיג מיט אַ ניגון איבער בוידען, דראָזשקעס, טע־לינעס און פוהרלעך האָלץ, וואָס האָבען זיך געצויגען איינע הינטער דער אַנדערער אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה, אַזוי אַז אַ היבשע צייט איז ריין אוממעגליך געוועזן די גאַס איבערצוגעהן.

— חסיאָ־ביילע! נו וועסט-דו היינט ביי דער נאַכט קומען אַהינצו — צו דער קאָרטענוואָרפערין? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם... דיינער וועט אויך אַהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל דיר זאָגען, עס וועט דאָרט זיין פרעהליך. קום, נאַרעלע, וועסט, כ׳לעבען, הנאה האָבען! נו, חסיא=ביילע, וועסט דו קומען?





— מיין בעל-הביתטע, ברענען זאָל זי, וויל מיך היינט מכבד זיין מיט ראָשטשינען ברויט און איבערגעריבען גרייפּלעך. איך וועל מיך אָבער אויסדרעהען און קומען. נאָר איך בעט דיך, דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד, זאָג נישט קיינעם.

— וואַרט נאָר, חסיאָ=ביילע, וואַרט! דער רוח וועט דיין בעל־הביתטע נישט נעהמען, אַז דער וואָרמעס וועט שפּעטער מיט אַ שעה אַרויסקומען. זי וויל פרעסען? ני, לאָז זי עסען ווערעם, קריינק! איך האָב נאָר פאַרגעסען, חסיאָ=ביילע! זיפּ נישט איבער אַזוי די מעהל. די מעהלערקע איז ניט צופרידען פון דיינע קלייען. וויפיל איז דיר געבליבען היינט פונ׳ם אָנקויפען?

— שיינעץ, שיינעץ! חאַפּט איהם נאָר דעם שיינעץ! וואָס איז עס פאַר אַ מאָדע חאַפּען? אַ, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען!

— וואָס איז דאָרט, חאַסיאָ=ביילע? וואָס שרייעסט=דו אַזוי?

— אַ קאַרמאַנשטשיק, דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיער־שיער נישט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּייז פון אונטער׳ן אָרם. אַ מערכה האָס איך האָב בעצייטען מיך אַרומגעקוקט.

— זעה נאָר, זעה, חסיאָ=ביילע! וואָס איז דאָרט אַזאַ צונויפלויפע־ניש? עס מוז שוין ווייטער ערגיץ ברענען, ס׳איז שוין היינט די צווייטע שרפה. ביז נאַכט קען זיין נאָך עטליכע שרפות.

— מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש, אַ שרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען.

— שאַ, אָט געהט די מעקלערין. איך וועל זי אַ פרעג טאָן. סימע־דוואָביע! סימע=דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפּיס אַזוי?

— איך ווייס נישט, קיין צער! אפשר ווייסט נחמה=גיסע. נחמה־גיסע! וואָס איז דאָרט פאַר אַ רעדיל, סערדצע? אייערע קאַטשקעס שרייען עפּיס, אַז מען הערט נישט וואָס מען רעדט. האָדיל איז היינט געלעגען געוואָרען, זי וועט ביי אייך צונעהמען די קאַטשקעס, הידגער האָט איהר אויך? זעהר פעטע קאַטשקעס, אייער איז היינט נישט געוועזן זיך צודער־קויפען. וואָס איז דאָרט אַזאַ מהומה?

— ווייס איך? עפּיס רויטע יודלעך. עפּיס האָב איך געהערט שרייענדיג: רויטע יודלעך.

— וואָס, עס זענען אָנגעקומען רויטע יודלעך! אַי=אַי=אַי! מען מוז דאָך געהן אָנקוקען אויף חידושים, — האָבען אַלע מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפען העגדום=פּענדום צום רעדיל מענשען.

— אוּ״אַ, פיכערנאטער, לינדענוואָרם! אורא, רויטע יודלעך! האָבען צווישען דעם רעדעל מענשען געשריען א גאַנצע האָפּטע ווייסע-חברה.

די דאָזיגע רויטע יודלעך — דאָס זענען געווען אונזערע פּאַרשוינען בנימין מיט סענדערלען, וואָס אין אַ קורצער צייט נאָך יענער מעשה, וועלכע עס האָט מיט זיי זיך געטראָפען אויף דער קלאָטקע, זענען זיי אָנגעקומען קיין גלופּסק און האָבען דאָרט במשך פון אַ פּאָר וואָכען שטאַרק קונה-שם געווען. עס האָבען זיך געפונען אַ סך עהרליכע יודען, וואָס האָבען פון זיי פּשוט אָנגעקוואָלען, ממש אַזוי ווי פון דעם שוסטעריל, וואָס ער איז אין יענער צייט דורך זיינע מופתים אין גלופּסק פלוצלים נתגלה געוואָרען.

טאָלצע און טריינע, צוויי געוויסע אַלטע יודענעס, כשר׳ע נשמות, וואָס פלעגען, ווי איטליכען איז בעקאַנט, אַלע טאָג פאַרנאַכט שבת׳דיג זיך אָנטאָן מיט דער יופּע אי מיט דעם שטערענטיכעל און אַרויסגעהן אונטער דער שטאָדט בעגעגענען משיח׳ן, — אָט זיי זענען דאָס געווען די גליקליכע אין איין פאַרנאַכט צו-בעגעגענען אויף יענער זייט ראָגאַטקע אונזערע פּאַרשוינען ביי׳ם אָנקומען זייערען פון טעטעריווקע און אין אַ גוטע שעה אַריינצופיהרען זיי אין גלופּסק. באַלד טאַקי ביי דעם ערשטען בעגעגעניש האָבען שוין די ביידע ייפּעס זיך דערוואוסט אַלסדינג, וועמען גאָט האָט זיי דאָ בעשעהרט. טאָלצע מיט טריינען האָבען פאַרוואונדערט זיך אָנגעקוקט, איינע די אַנדערע זיך געשטאַרכעט: נו, טריינע? — נו טאָלצע? האָבען זיי זיך געשושקעט, דאָס האַרץ אָבער האָט אונז גלייך געזאָגט, אַז דאָס זענען עפּיס ניט גלאַט קיין מענשען. טאָלצע און טריינע האָבען זיך געשמאָלצען אין אונזערע פּאַרשוינען, זיי זענען עפּיס ווי יונגער געוואָרען, עס האָט זיי זיך געפרעהט דאָס האַרץ הערענדיג פון דער נסיעה, זיי האָבען געקוקט אויף זייערע בעשעהרטע און זיך אַלץ געשטורכעט מיט אַ שמייכעלע: נו, טריינע? — נו, טאָלצע?... טאָלצע האָט זיי אונטערגעאַרבייט זאָקען, טריינע האָט זיי פערלאַטעט העמדער, צוגענעהט בענדלעך און זענען געווען גליקליך, איבערגליקליך, אַקוראַט ווי כלה-ווייז, אַמאָל אין די יונגע יאָהרען. הכלל, אונזערע פּאַרשוינען האָבען אין גלופּסק אויף זיך געפונען מבינים. אַזעלכע לייט ווי זיי קען טאַקי נאָר איין גלופּסק שאַצען און פאַרשטעהן זייער טייערען ווערטה.

אַהין אין גלופּסק אַריין, איהר יודישע קינדער! וואָס וואַלגערט איהר זיך, נפשות, שענע מענשען, און ווערט חי בטלנים פערפאַלען אין





די קליינע שטעדטלעך אונטעריין אויוועז?! אין גלופּסק אַריין, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! דאָרט וועט איהר געפינען אַייער גלייכען, דאָרט וואַרטען אויף אייך אייערע טאָלצעס, אייערע טריינעס און כשר׳ע נשמות, דאָרט קענט איהר וואַקסען, דאָרט קענט איהר אויפגעריכט ווערען, דאָרט קענט איהר געפעלען, שטאַרק גילטען, אַ פּנים האָבען און ערשט לעבען!..

אין גלופּסק, אַ רוח אין אייער טאַטען אַריין!

אָט ווי אַזוי אונזער בנימין שילדערט די שטאָדט גלופּסק:

אַז איהר קומט אָן קיין גלופּסק דורך דער טעטעריווקער גאַס, זאָלט איהר מוחל זיין איבערשפּריינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער אַביסיל די צווייטע, נאָך ווייטער אַביסיל די דריטע, סאַמע די גרעסטע, וואָס אַהינצו לויפען אַריין, מחילה, רינשטעקלעך אי בעלי-בתי׳שע פּאַמוינעצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון כל טוב. איטליכען טאָג עפּיס אַ אַנדער מין סחורה, אַנדערע סאָרטען חפצים פון אַלערליי קאָלירען און פאַרשידענע מיני ריחות, ווי עס פּאַסט צום ענין, און דורכדעם איז זעהר גרינג צוטרעפען דעם טאָג. גיסען זיך אַהין, אַ שטייגער, געלע לוזשקעלעך פון זאַמד, מיט וועלכען מען וואַשט די פּאָלען, און טראָגען מיט זיך אָן לישקעס פון פיש, דרויב פיסלעך, קעפּלעך פון היהנער, אַביסיל האָר מיט פאַרברענטע שטיקלעך קאַפּיטעס, — זאָלט איהר האָבען אַ סימן: היינט איז פרייטאָג, נעהמט אַ בעזעם מיט אַ ראַשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אַריין. טראָגען זיך אַהינצו אָן שאָלעכץ פון אייער, פון ציבעלעס, פון רעטיך, סוכעזשילעס פון לעבער מיט עקען פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע טאַרכבינעס, — [illegible]. גוט שבת אייך, יודישע קינדער! זאָל אייך וואויל בעקומען נאָכין קוגעל. זעהט איהר אָבער די רינשטעקלעך קוים-קוים וואָס זיי רירען זיך, זיי שלעפּען זיך דאָרט פאַרברענטע שטיקלעך קאַשע, פערדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ צעריסענע שמאַטע מיט אַ צופּאָלענעם וויכעטש, איז אַ סימן: דאָס איז היינט זונטאָג. דער וואַסערפיהרער האָט נאָך נישט געבראַכט קיין וואַסער, קוים וואָס מען האָט אויסגעזוינגען אַביסעל פון דער פּאַס און אויסצו-וואַשען ווי ס׳איז האָטש די משאָלענטעפּ מיט די מאַקעטערס. און אַזוי אין אַלע איבעריגע טעג פון דער וואָך האָט איטליכע לוזשע איהר בעזונדער פּנים, איהר בעזונדער געשטאַלט מיט איהר בעזונדער ריח.

און אַז איהר זייט בשלום איבערגעקומען אי די דאָזיגע בלאָטע אייך, וועט איהר, רבותים, נעהן פאַרביי אַ היבשען בערגיל מיסט, דאָס

איז אַ איבערגעבליבען זכר פון אַ אָבגעברענט הייזיל, וואָס אויבען שטעהט
נעוועהנטליך אַ בהמה, גלייך ווי אַ קעלבייער מגיד, איז גאַנץ רוהיג זיך
מעלה גרה, כאַכט מיט דעם מויל און קוקט תמיעוואַטע אויף דעם גאַנ-
צען עולם יודען, וואָס לויפען אַגמטען ווי די פערסמיטע מיט אַלערהאַנד
שטעקענס. שטעקלעך אַ פאַראַסאַגען. טהוט דערביי אַ מאָל אַ סאָפּע,
אָדער אַ קיהישען זיפץ, טאַקי נאָר גלייך ווי זי וואָלט געזיפצט און גע-
קרעכצט, משטיינס-געזאָגט, אויף דעם דאָזיגען עולם, אויך אויף איהר
שלימזול, וואָס זי איז, נעבעך, אַריינגעפאַלען אין יודישע הענד....
איבערקומענדיג אַ דעם בערגיל, וועט איהר געהן גלייך, גלייך, אַלץ
גלייך. אפשר וועט איהר, לא יעלה ולא יבוא, זיך אַ זעץ געבען אין די
שפּיצעבדיגע שטיינער פונים ברוק, וואָס ליגען צוזייעט, צושפּרייעט משונה-
ווילד, און, חס ושלום, פאַלען, זאָלט איהר מוהל זיין אויפשטעהן, אויב
איהר וועט קענען, און אַלץ טאַקי געהן, געהן, באַם איהר האָט נאָר
נישט אויסגעבראָכען קיין פוס, חלילה, ביז איהר וועט קומען אויף עפּיס
אַ מין פלאַץ. דאָרט אויף דעם פלאַץ וועט איהר געפינען דעם תמצית
פון גלופּסק.

און ווען ס'איז נאָר אַ סבראָ טעטעריווקער גאַס אָנצורופען דעם
מאָגען פון גלופּסק, קען מען נאָכדעם שוין מיט רעכט זאָגען, אַז דער
דאָזיגער פלאַץ איז איהר האַרץ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך תמיד טאָג אי
נאַכט און וואָס דאָרט איז איהר חיות, דאָס גאַנצע לעבען. דאָרט שטעהען
קלייטען, קלייטעלעך, שאַפעס און די בעקאַנטע גנבה-שאַפּקעלעך, וואו בעלי-
מלאכות זעצען דאָרט אָב דעם יתור: שטיקלעך מאַטעריע, טאַסטעס,
בענדלעך, כאַביט און שטיקלעך פעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זעהר שטאַרק,
עס שוויבעלט און גריבעלט, אַ געדיכטער עולם אָהן עין הרע: יודען
שטופען זיך און חאַפּען, נעבעך, פון איטליכער זייט דישלעס פון וואָגענס
און פאַרקעס. דאָקטורים זאָגען, באַשר אַז מען פאַלמעסט אַ גלופּסקער
יודען, געפינט מען דאָס רוב ביי איהם אין לייב שטעקט אַ דישעל. נאָר
אויף גלופּסקער דאָקטורים קען מען זיך נאָך נישט סומך זיין, די רופאים
שפּילען דאָרט אַ סך אַ גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מען תמיד אַ קול:
„הייסע באַבקעס, יודעלעך! אהער, הייסע רעטשאַניקעס! קנאָבעל, ציבע-
לעס, יודישע קינדער! פון אָבגעריסענע יונגלעך, וואָס געהען אַרום און
שרייען מיט עפּיס אַ משונה ניגון. דאָרט חאַפּט מען אַ מאָל פאַרנאַכט
אַ דאַווען, מען איז מחדש גאַנץ הויך די לבנה און מען שרייעט דערביי
צו איטליכען, וואָס געהט נאָר פאַרביי: שלום עליכם, פעטער! דאָרט





שטעהען טרעגערס אַרומגעגאַרטעלט מיט גראָבע שטריק, אויסגעדינטע
סאָלדאַטען מיט אַלטע חאַלאַטעס און אויסגעריבענע שינעלען, טאַנדעטני-
קעס מיט אַלטע תחתונים, קאַפּטענס, לייבלעך און נאָך אַלערליי שמאַ-
טעס. אין מיטען שטעהט דער פּאַני סטאַראָזש און עסט געשמאַק אַ שטיק
יודישען קילעטש, וואָס ער בעקומט שבת פאַר די ליכט אָבשנייצען, און
היט זיך, להבדיל, ווי אַ שמורהניק, בשעת ער גיט אַ בים, עס זאָל,
חלילה, קיין ברעקיל נישט אַראָבפאַלען. קעשענע-גנבים דרעהען זיך דאָרט
אַרום צומאַכען די קונץ. עפּיס אַ פערשמירט מיידעל מיט צושויבערטע,
צופּאַטעלטע האָר שפּרינגט פּלוצלים פון דער העלער הויט אַרויס, רעוועט,
בעט אַ נדבה אויף אַ צוריפּעטען קול, חאַפּט אָן פּאַר דער פאָלע און
שרייעט, הערחעלט וויינענדיג, גלייך ווי איהר וואָלט זי געקוילעט און צו-
גענומען ביי איהר געלד. אַ פּעקיל ווייסע-חברה לויפט דאָרט מיט
אַ אורח נאָך עפּיס אַ משוגענעם. וואָס זינגט טרויערדיגע לידלעך, האַלב
יודיש, האַלב פויליש, און טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ צוקנייטשט קאַפּעלישעל.
דאָרט שטעהט אַ בחור מיט עפּיס אַ מין קעסטעלע, יודען קוקען אַהינצו
אין לאָך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוועהנטליכען פּזמון:
דאָס איז לאָנדאָן, דער פּיפּס פאָהרט דאָ רייטענדיג אין רויטע הויזען און
צלע שטעהען פאַר איהם אָהן אַ היטעל! איצט זעהט איהר, ווי נאַפּאָלעאָן
מיט זיינע פראַנצויזלעך שלאָגען זיך מיט דעם פרייס און די פרייסען
צולויפען זיך ווי די טאַראַקאַנעס! אָט אַצונד קומט מיר, ווי איינע פאָהרט
אינאיינעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט
די בייטש און טרייבט אָן. די פערד האָבען זיך איבערגעשראָקען, אויסגע-
קעהרט די קאַרעטע, דער תוגר, נעבעך, איז געפאַלען, זיך אַ גוטען זעץ
געטאָן, און זי זוכט אין איילעניש ווי זיך אויסצודרעהען! נו אַ סוף, גענוג
שוין צוקוקען פאַר אַ האַרטען גראָשען. דאָרט זיצען שורות-ווייז אויסגע-
זעצט יודענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלעגט מיט בינדלעך קנאָבעל,
מיט אוגערקעס, קאַרשען, אַגרעסען, ווייםפערלעך, ארץ-ישראל-עפּעלעך,
כל-נדרי-באַרלעך און מיט נאָך אַנדערע זאַכען. אין דער זייט שטעהט
אויף היהנערשע פיסלעך אַ אַלטע איינגעהייקערטע בודקע, אָהן טיר און
פענסטער, וואָס כּפי אַלטע גרייז-גרויע יודען דערצעהלען, איז אַ מאָל
דאָרט געשטאַנען אַ בודאָטשניק און די גאַנצע שטאָדט איז דענסטמאָל גע-
לאָפען אָנקוקען די בודקע מיט דעם סאָלדאַט אויף חידושים. נעבען דער
אַלטער בודקע, מיט וועלכער גאַנץ גלופּסק איז זיך מיחס ווי מיט עפּיס
אַ אַלטען קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּיס אַ קליין דעכיל בעדעקט מיט

עטליכע פארשימעלטע ברעכלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָ-
גאָזשעס, אָנגעשפּאַרט אויף פיער קרומע אויסגעבויגענע סלופּעס, זיצט
דוואָסיע די סעדעכע, אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט מולטערס.
ביי איהר געפינט זיך תמיד איהר גרויסער פייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט
זי אויף איהם, ווי אַ קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאַנצען טאָג כסדר,
נאָר וואָס זי חאַפּט איהם אַ מאָל פון אונטער איהר אַרויס אונטערצובלאָזען
די קוילען און אַרויסצונעהמען פונ'ם אַש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

פון יענע יודען, אַזוי געהט אַרום צווישען עולם אַ גאַנץ אַלטע
אַגדתאָ, פון יענע יודען, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפען
קיין אופיר נאָך גאָלד און אַנדערע מיני אויסלענדישע סחורות, זענען
אַ סך, מחמת כמה טעמים, איבערגעבליבען דאָרט. זיי האָבען מיט דער
צייט געעפענט אין אינדיען זעהר טייערע קלייטען אי גרויסע קאַנטאָרען.
האָבען געהייבען ביי די דאָרטיגע דייטשען שטאַרקע הקפות און אַלערליי קאָ-
מיסיעס און דאָס מזל האָט זיי אַ לאַנגע צייט שטאַרק געדינט. דערנאָך אָבער
האָט זיך איבערגעדרעהט דאָס רעדיל און אונזערע סוחרים האָבען זיך געשטעלט
און געמוזט עוקר זיין. אַ טייל פון זיי זענען פערפאַלען געוואָרען אין דער
מדבר, אַ טייל זענען בשלום אַריבער די גרעניץ, האָבען זיך געזעצט אין
אָקרענטען און געזעגעלט אויף דער פּיאַטיגנילעווקע, וואָס איז אין יענער
צייט אַריינגעפאַלען גלייך אין ים אַריין. אַזוי האָבען זיי געזעגעלט, גע-
זעגעלט ביז פּלוצלים איז אויפגעשטאַנען אַ שרעקליכער שטורמווינד, די
חוואַליעס האָבען זיך אויפגעהייבען ביז דעם הימעל, האָבען צושלאָגען די
אָקרענטען און אַרויפגעוואָרפען די מענשען אויפ'ן ברעג. דאָרט האָבען
זיי אויסגעבויעט אַ שטאָדט און זי אַ נאָמען געגעבען גלופּסק.

די חוקרי קדמוניות, וואָס קענען מיט זייער גרויס חכמה מאַכען
פון אַ גאָרנישט אַ מושקאַטקויל, האָבען פון דער דאָזיגער אַגדתאָ געמאַכט
אַ גאַנצען פירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזענטער שאַרפע שפּיצלעך, ווי
ווייער שטייגער איז, אַז דרינען ליגט אַ שטיק אמת. די ראיות, וואָס זיי
ברענגען דערויף, זענען: ערשטענס, דער פּאַסאָן פון די הייזער, וואָס
איז עפּיס משונה-ווילד, גאָר אויף דעם אַלטען שניט, ווי מיט טויזענטער
יאָהר צוריק. אַז מענשען זענען נאָך געזעסען אין געצעלטען און זיך גע-
וואַלגערט אין לעכער. פיעל הייזער זענען דאָ אין גלופּסק, וואָס זעהען
באמת אויס נאָר ווי לעכער און אַ סך האָבען אַ פּנים ווי די געצעלטען
פונים טאָטער; פון זייער אָנבליק און פון זייער שטעהן זעהט אויס, ווי זיי
זענען איינער מיט דעם אַנדערען עפּיס נישט שוה בשוה. דו שטעהסט





אַריינגערוקט, ווייל איך מיר שטעהן, דיר אויף צו להכעיס, אַרויסגערוקט;
דו שטעהסט פּאַפּערעק, איך וויל מיר שטעהן קאַפּויד; דו ווילסט
אין דרויסען אַ טרעפּיל און איך דווקאָ אַ לייטעריל, ווער עס בעדאַרף,
וועט נישט קראַנק זיין קלעטערן. און אַז דו האָסט שוין יאָ עפּיס
משונה הויך פאַרריסען דיין פערלאַטעט דעכעל, נו האַלט איך
מיר מיין דעכעל דווקאָ אַראָבגערוקט. געשמאַיע דיר פּאַרפּול!
ווען עס געפעלט נישט, לאָז זיך צומאַכען די אויגען... קורץ, דאָס
אַלסדינג איז מרמז אויף אַלטע, גאַנץ אַלטע צייטען. — צווייטענס די
מנהגים פון די איינוואוינער. צווישען זיי זעהט מען נאָך עד היום אַזעלכע
מנהגים, וואָס קומען אַרויס פון די היידען, צווישען וועלכע זיי האָבען
אין פריהערדיגע צייטען זיך אויפגעהאַלטען. דער כתב און חכמת החשבון
איז דאָרט נישט שכיח, אַזוי אַז אַלע עניני הקהלה און אַלע חברות דאָרט
ווערען געפיהרט אָהן ביכער און די פיהרער גיבען קיינעם נישט אָב קיין
חשבון. — דריטענס, די כתות, די מענשען טיילען זיך דאָ אויך אין פאַרשידענע
כתות, ווי אַ מאָל ביי די אינדיאַנער: ווי אַ שטייגער, די כתה חאַפּלאַפּערס
פאַסטע דער ציטעס, וואָס געוועלטיגען ביד רמה; די כתה בלאַטהאַלטער,
זאַשטשיטניקעס, וואָס האַלטען שטאָל און אייזען, קריגען און שלאָגען זיך
פאַר די חאַפּלאַפּער מיט דעם שונא און נעהמען דערפאַר ביי זיי געוויסע
ישאַלאַוואַניעס און אומזיסט פלייש. די כתה והחלקלקער. אַרויפפיהרער
אויף אַ גליטש און וואָס אַליין דרעהען זיי זיך אויס גלאַט ווי אויף
אַ טעלער. די דאָזיגע לייט צופאַלען אויף קוממיות-זאָגער, וועלטליכע
מענשען, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני המסחר, און אויף צבועקאַנער,
כלי-קודש, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני האמונה; די כתה גלופּאָ-
טרוסאָ-בעזיאַזיקאָ-קאַבצאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז
שטאַרק נכנע די אַלע איבעריגע כתות און בעקוכט פאַר זיי דאָס נייג-
יעהריגע קרחת. — היינט, פערטענס, די מטבע, וואָס מען האָט אַ מאָל
בשעת גראָבענדיג די גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זי גע-
ווען שטאַרק אָבגעריבען, קוים-קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזעהן עפּיס ווי
אַ שטיקעל פּאַרטוך צונעטשעפּעט צו אַ שטעקען, אונטען עפּיס ענליך
אויף אַ מאַלטעריל, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ.
פון דער אַנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאַט, נאָר אַז מען
האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען דערקענט אַלטמאָדישע כתיבה'טע
אותיות יאשלג ועגפ. די געלעהרענטע האָבען אויף דער דאָזיגער אויפ-
שריפט זיך געבראָכען די קעפּ און אַריינגעלעגט דרינען פּשטים, איטליכער

אף זיין נאָגל. א טייל האָבען געהאַלטען אין דער סברא, אז די י׳ און די נ׳ בייס אָנהייב און סוף וואָרט יאשלג זענען גאָר נישט קיין אותיות, גאָר שטיקלעך פון משאָטשקעלעך, וואָס זענען פון דער צייט אָבגעריבען געוואָרען, בכן מאַכט עס אשל אַ בוים ועגפ און אַ צווייג און דאָס איז דער שטעקען מיט דעם פאַרטוך. ווידער אַ טייל האָבען עס דערקלערט נאָר אַנדערש און די געלעהרענטע האָבען דערפון מרעיש עולם געווען, ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגען, און האָט דרינען דערזעהען נאָר ראשי תיבות, וואָס זיי מאַכען יהודי אופיר (אָדער אינדיאָה) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופסק ונתישבו על נהר פיאַטיגנילעווקע. דער שטעקען מיט דעם פאַרטוך און טולטעריל מיט די קעפ, דאָס בעטייט אַ אָקרענט מיט׳ן זעגעל און מיט פאַרשוינען. דער דאָזיגער געלעהרנטער האָט איבער דעם געמאַכט זעהר אַ דיקען ספר און ווענדעט זיך דאָרט צום עולם מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל רייניגען דעם טייך, וועט מען דאָרט זיכער געפינען אַ סך אַלטע זאַכען, וואָס וואָלטען געעפענט די אויגען אין דער חקירה פון גלופסקער יודען. נאָר די דאָרטיגע איינוואוינער שייען זיך אָבער אויסצורייניגען די בלאָטע און זאָגען, דאָס וואָס מען האָט פון אַלטע צייטען אָנגעמאַכט, דאָס מוז בלייבען, קיין מענשענס אויג טאָר אין דעם פאַרבאָרגעניש נישט אַריינקוקען...

אין דער שטאָדט אַליין געפינען זיך אַקעגען אַ דרייסיג-פערציג לוזשעס, שוין מיט לעוואָדעס אינאיינעם, זיי פעראייניגען זיך דורך הילען מיט די אָבגרונטען פון דער פיאַטיגנילעווקע און אין געוויסע צייטען, בפרט נאָך פאַר אַ פאַר-פסח, צושפּילען זיי זיך שרעקליך שטאַרק און פאַרפלייצען די גאַסען מיט אַזאַ טיפער, שיטערער בלאָטע, אַז ביי די הויך געוואַקסענע מענשען אפילו ווערט געהענדיג פאַרשלומפערט דאָס היטעל. גלופסק ווערט אין די פינסטערע נעכט בעלייכט פון איין קליינער לאַמטערנע, זי ווערט אויך בעוואַכט פון אַ פאַר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגען פאַלט מען דאָרטען פאַרט ביי דער נאַכט און מען ברעכט האַלז אי לייב, און גנבות טרעפען זיך דאָרט אויך זעהר אָפט, חאָטש ס׳איז דאָ אַזאַ שמירה. דערפון איז טאַקי געדרונגען, אַז מען קען זיך כלל נישט איינהיטען, מען קען זיך נישט בעוואָהרענען, וואָס ס׳איז בעשעהרט דאָס איז בעוועהרט, עס העלפען גאָר נישט דעם מענשענס חכמות מיט זיינע אַלע תחבולות. דרום, זאָגט בנימין, בעדאַרפען מיר צומאַכען די אויגען און געהן תמיד אויף גאָטס בעראָטה מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאכים געבּיטען אונז צו היטען און אויף די הענד אונז צו טראָגען. עס





פאַלט נישט דער שפאָן ביז ס׳איז עפּיס דראָן, בעדאַרף מען מעהר, זאָגט ער, ווי איך האָב בעוואָהרענט מיין טלית-און-תפילין-זאַק, איך האָב איהם אַנידערגעלעגט אין בית המדרש אויף דער פאָלעצע, וואָס קאָן שוין דאַכט זיך, זיין מעהר אַ זיכער אָרט ווי דאָ? פונדעסטוועגען, אַז גאָט האָט נישט געוואָלט אָבהיטען, האָט מען איהם אינאיינעם מיט די איבעריגע אונזערע זאַכען פון דאָנען אויך אָוועקגעגנב׳עט!

# דאס עלפטע קאַפּיטעל.

## חידושים ונפלאות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע.

אויף דעם טייך פּיאַטיגנילעווקע אַז אונזערע פאַרשווינען האָבען דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געגעבען, זענען זיי נבהל ומשתומם געוואָרען. זיי האָבען אַזאַ מין טייך נאָך קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהן. סענדעריל האָט געזאָגט, דאָס מוז אוודאי זיין דער גרעסטער טייך אין דער גאַנצער וועלט. וואָרום אַנדערש האָט איהם גאָר אין קאָפּ זיך נישט געלענט. אַ קאַטאָוועס אַזאַ טייך, וואָס איז אפשר אַ הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאַדעווקער. נאָר סענדעריל איז געווען אַ פּראָסט מענשיל, מעהר פון טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוואוסט, אין די קליינע אותיות׳לעך אַריינקוקען האָט ער נישט געקענט, דריבער איז אַלסדינג, וואָס נאָר עפּיס נישט אַזוי ווי אין טונעיאַדעווקע, ביי איהם געווען אַ חידוש נפלא און פלעגט מיינען, אַז דערמיט עקט זיך שוין טאַקי די וועלט. בנימין אָבער, וואָס פיל געלעהרענטער פון איהם, וואָס האָט אין זיינע מיני הקירה-ספרים׳לעך שוין געחאַפּט, ווי מען זאָגט, אַ לעק פון די שבע חכמות, וואָס האָט געוואוסט אַ ביסעל די בעשרייבונג פון דעם גן-עדן התחתון, פון די משונה-ווילדע בעשעפעניש אין הינדיא״ה וכדומה נאָך אַזעלכע מיני זאַכען, הגם ער פלעגט ביים ערשטען מאָל אָנקוקענדיג עפּיס ניַיס זיך אויך שטאַרק חידושען אין הארץ, נאָר ער פלעגט דערביי מאַכען אַזאַ מינע מיט אַ שמייכעלע, גלייך ווי איינער רעדט: עט, נאַ-





רישקייטען, דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגען יענץ, וואָס איז נאָך דאָ... ער האָט סענדערלען בעוויזען, אַז די פּיאַטיגנילעווקע איז פּשוט בלאָטע, איך בעט אייך איבער, מינוף אַקעגען דעם ירדן, וואָס איז פיל כּאָל גרעסער פון איהר, זי וואָלט דעם שור הבר נישט געקלעקט אפילו אויף איין צאָהן, און פונים נאָמען ירדן טאַקי איז אויך אַזוי די משמעות, וואָרום ירדן איז דאָך דער טייטש: אַ גוזמאָ, אַ סך, אַ ירדן!

— ווייסט-דו, סענדעריל, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? — האָט בנימין געזאָגט נאָכדעם אַז ער איז געשטאַנען איינמאָל שטאַרק פערטראַכט נעבען דער פּיאַטיגנילעווקע, — מיר איז איינגעפאַלען צו לאָזען זיך פון דאַנען מיט דעם וואַסער,

— נאָט איז מיט דיר! — האָט סענדעריל זיך אַ חאַפּ געטאָן פאַר גרויס שרעק, — דערמאָן זיך נאָר, בנימין, אַז אונזער טייך נעהמט אַלע יאָהר צו אַ מענשען; הייגט מי יודע וויפיל מענשען מוז דער דאָזיגער טייך אַ יאָהר צונעהמען. האָב רחמנות אויף אונזער לעבען, אויף דיין ווייב און קינדער, בנימין!

— בטחון, בטחון, סענדעריל! בטחון איז אַ יודישע זאַך, מיט בטחון איז יעקב אָבינו מיט זיין שטעקיל דעם ירדן איבערגעגאַנגען, מיט בטחון, זעהסט-דו, עסענען דאָ אידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבען. אַלסדינג, וואָס דו זעהסט דאָ, איז אַלץ לויטער בטחון. אפילו טרעפּ און סטעליעס, ווי אויך פיל גרויסע הייזער, האַלטען זיך דאָ נאָר אויף בטחון...

— נאָר פאַר וואָס ווילסט-דו דווקא מיט דעם וואַסער, — האָט סענדעריל געפרעגט, — אַז מיר קענען דאָס איינגענע אויך מיט דער יבשה?

— איך האָב דאַרויף אַ סך טעמים, — האָט בנימין געענטפערט, — איינמאָל וועט, ווי מיר דאַכט זיך, די נסיעה מיט דעם וואַסער זיין אי נעהענטער, אי גיכער. מיר בעדאַרפען זעהן אָנקומען אַהין ווי צום גיכסטען. וואָס פריהער איז אַלץ בעסער. פאַר וואָס? דאָס ווייס איך שוין, דאָס איז שוין מיין זאַך! מיך קוועטשט, סענדעריל, מיך קוועטשט זעהר שטאַרק, עס פּיקט מיר אָט דאָ, דאָ אין קאָפּ, איך וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין מיט לייב און לעבען. ווען עס וואָל מעגליך זיין, וואָלט איך ווי אַ פייגעל אין דער לופט אַהינצו געפלויגען... צווייטענס, אַז בנימין פון טודעלאָ האָט בימיו זיך געלאָזט אויף זיין נסיעה, איז ער תחלת אויך געפאָהרען מיט דעם טייך עבּראָ. אַזוי שטעהט בפירוש געשריבען אין זיין ספר. מסתמא אַז ער איז פאַר-

צייטען געפאָהרען מיט דעם טייך און נישט מיט דער יבשה, בעדאַרף דאָך מאַקי זיין דווקא אַזוי און נישט אַנדערש, מסתמא האָט ער געוואוסט וואָס ער טהוט און איז אַזוי פיל קלוג געווען ווי מיר אַלע, כ׳לעבען. רב בנימין איז אַ קדמון, אַ פריהערדיגער פאַר אונז, מוזען מיר איהם הערען נאָר אָהן קשיות...

— אויב אַזוי, — האָט סענדעריל געכאַפּט, — איז שוין מאַקי רעכט. ביי מיין יודישקייט, בנימין! נישט נאָר אויפ׳ן טייך, אַפילו ווען רב בנימין וואָלט פאַרצייטען געפאָהרען רייטענדיג אויף אַ קאָטשערע, וואָלטען מיר דאָ נישט בעדאַרפט לאַנג טראַכטען, זיך גענומען אויפגעזעצט און אויך געפאָהרען אויף אַ קאָטשערע.

— און דריטענס, — איז בנימין אַריינגעפאַלען סענדערלע׳ן אין די רייד, — שאַדט מאַקי כלל נישט, מיר זאָלען זיך געוועהנען צופאָהרען מיט דעם וואַסער איידער נאָך עס וועט אונז שפּעטער אויסקומען צופאָהרען אויפ׳ן ים אוקיינוס. איך וואָלט נאָך אַפילו געזאָגט, אַז איידער מיר וועלען זיך אָבפאַרטיגען דאָ אין גלופּסק, וואָלט, אָסור, גאָר נישט קרום געווען צופּרובען גלאַט אַזוי דורכצופאָהרען זיך אַביסיל אויפ׳ן טייך. דאַרטען, דאָרטען, זעהסט-דו, שטעהט איינער מיט אַ שיפעל, אָט, כ׳לעבען, לאָמיר צו-געהן און איהם עפּיס געבען, וועט ער מיט אונז אַביסיל פאָהרען.

אין עטליכע מינוט אַרום זענען אונזערע וואַנדרעווער בעהאַרצט אַריין אין אַ שיפעל און האָבען זיך געשיפט איבער די פּיאַטינגילעווקע. תחלת האָבען זיי אַפילו זיך געשראָקען, סענדערלען האָט זיך פאַרדרעהט דער קאָפּ און ער האָט געצאַפּעלט מיט הענד און פיס, אָט, אָט, האָט ער געמיינט, קעהרט זיך דאָס שיפעל אום און ער פאַלט אַריין אין די טיפע אָבגרונטען פונ׳ם טייך, ס׳איז אַ עק פון זיין לעבען און זיין ווייב בלייבט אַ אייביגע עגונה. נאָר דערנאָך איז איהם געוואָרען אַביסיל בעסער.

— נישקשה, סענדעריל, — האָט בנימין איהם געטרייסט, אַז זיי זענען אַרויס אויפ׳ן ברעג, — זאָל דיך נישט אַרגערן וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך און עס ווערט עפּיס נישט גוט. דאָס איז די ים-קראַנקהייט, וואָס איטליכער מוז זי ליידען, אַז ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אויפ׳ן ים. דעם צווייטען מאָל, וועסט דו זעהן, וועט זיין בעסער און דו וועסט שוין גאָרנישט פיהלען.

פון יענער צייט אָן פלעגען אונזערע פאַרשוינען זעהר אָפט פאָהרען אויפ׳ן טייך און דערפון גרויס תענוג געהאַט. זיי זענען ביי זיך געוואָרען





אַזוי שטאַרק, אַז איבערשיפען זיך דעם ים, האָט זיך זיי געדאַכט, איז אַ שפּיל.

בנימין פלעגט דורך סענדערלען זיך אַריינלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם לאָדאָמשניק און איהם פערוואַרפען מיט שאלות, ווי אַ שטייגער: פרעג נאָר, סענדעריל, דעם קאַפּיטאַן, וויפיל מייל האָבען מיר פון דאַנען ביז דעם ים? פרעג איהם, אויב ס׳איז דאָ עפּיס וויכפּעס? וואָס פאַר אַ מיני לייט וואוינען דאָרט? צו וואוינען צווישען זיי יודען? וועמען צאָהלען זיי מס און צי ווייסען זיי פון אַ גלות? אָדער, אַ שטייגער, אַזוי: פרעג, סענדעריל, אויף אַ צ׳קאַוועשטש, דעם ערל וועגען די בערג ניסבון און דעם כופר אל טור׳ך? צי ווייסט ער עפּיס מכח די עשרת השבטים? אַ קשיאָ אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער עפּיס געהערט. וכדומה נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות פלעגט אַלץ בנימין הייסען פרעגען.

נאָר דאָס ביסיל גויאיש, וואָס סענדעריל האָט זיך אויסגע׳ערענט ריידען געהענדיג מיט זיין ווייב תמיד אויפ׳ן מאַרק, איז קאַרג געווען פאַר אַזעלכע הויכע ענינים. דינגען זיך פאַר אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפּ׳ל, דאָס האָט ער נאָך ווי-ס׳איז געקענט, אָבער אויסטענהן זיך מיט אַ קאַפּיטאַן איבער געלערענטע זאכען, דאָס האָט ער לחלוטין נישט געקענט. ס׳איז געווען אַ צער בעלי חיים, ווי סענדעריל, נעבעך, פלעגט זיך מוטשען אין אַזאַ שמועס, ער פלעגט ריידען מיט הענד און מיט פיס. אַרבייטען אויף אַלע כלים און אָבגעהן מיט שוויים, אַז איין גאָט האָט געמעגט אויף איהם רחמנות האָבען. זיין קאַפּיטאַן פלעגט שפּייען, טענה׳ן, אָנקוקען איהם בייז פון איין זייט, און בנימין פלעגט איהם דורען אַ קריוש, שטורכען און קוקען איהם אין מויל אַריין פון דער אַנדערער זייט.

— ווין טשערוואָני זשידקי ווין פּיכאַיע, — פלעגט סענדעריל אַרויסגעהן מיט אַזאַ שפּראַכע, אַ שטייגער, ווינקענדיג מיט דער האַנד אויף בנימינ׳ען.

— איז טשערוואָני זשידקאָוו יאַ זנאַ לייבקו. שמולקו באַנאַטיע זשידקי. — אַזאַ תשובה פלעגט סענדעריל בעקומען פון זיין קאַפּיטאַן.

— ני לייבקאָ, ני, ני! ווין טשערוואָני זשידקי פּיטאַיע טאַמאַטשקאַ, ווי זאָגט מען עפּיס, ני, טאַבאַטשקאַ, געבען בערגעלע ניסבין.

— ניסבאַנאַ, זשידקאָ ניסבאָנאַ?

— זאָג איהם, ס נדעריל, פלעגט בנימין שרייען, זאָגען זאָלסט רו איהם אַ באַרג! מאָל איהם אויס ווי דו קענסט.

סענדעריל פלעגט צונויפשטעלען הייך די הענד, אויסצומאָלען דער־מיט אַ בערגעלע און שרייען דערביי: העט, העט וויסאָקאָ! —

— טפו! פלעגט דער ערל אויסשפייען, אויסבמלען אויף סענדער־לען חלומות און איהם אָבשיקען צו אלדי שווארצע יאָהר.

פון זיינע נסיעות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע דערצעהלט בנימין חידושים, וואונדערליכע זאַכען, וואָס האָבען אין דער וועלט אַ רעש אָנגעמאַכט. מיר וועלען דערפון דאָ נאָר אַ מקצת אַרויסשטעלען.

שיפענדיג זיך איינמאָל אויף דער פּיאַטיגנילעווקע, האָט בנימין דאָרט דערזעהן אין־דערמיט טייך אַ גאַנץ גרויסען אָרט, וואָס איז געווען גרין בעוואַקסען און מיט זיין גרינקייט די אויגען פאַרנומען. ער האָט געמיינט, דאָס איז אַ וויספּע בעוואַקסען מיט גראָז אי מיט שמעקענדיגע קריימעכצער אז ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס און שוין געוואָלט אַ שפּרונג געבען אויף דער וויספּע, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער לאָדקע איהם פלוצלים אַ חאַפּ געטאָן פון הינטען מיט אַ געשריי און אַ שליידער געגעבען איהם צוריק אין דעם שיפעלע מיט דעם גאַנצען כח אַזוי, אז ער איז אַ היבשע צייט געבליבען ליגען שטאַרק פאַרדולט. ער האָט מעהר נישט געהערט, ווי אַרום דעם שיפעלע קאָכט, רעש'ט זיך, גלייך ווי עס ראַנגעלט זיך מיט עפּיס, און עס געהט מיט גרויס כח זיין וועג. און אז ער איז שפּעטער צו זיך געקומען, האָט איהם דער ערל געזאָגט, ער איז געווען אין אַ גרויסער סכנה דערטרונקען צו ווערען אין דעם גרינקייט, וואָרום דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז גאָר דער צוויט, וואָס די פּיאַטיגנילעווקע צוויטעט אַלע יאָהר.

איך אָבער, אַזוי שרייבט בנימין, האָב מיך נישט געקענט לאָזען איינריידען. אז דאָס זאָל זיין צוויט. אמת טאַקי, אַ ריח עפּיס האָט עס געהאַט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט און אויך אין מיינע ספרים נישט בעגעגענט, אז וואַסער זאָל צוויטען. ווען עס זאָל צוויטען, וואָלט דאָך דאַרויף בעדאַרפט וואַקסען דערנאָך עפּיס אַ מין פּרי, וואָס מען מאַכט דאַרויף אַ ברכה בורא פּרי המים! איך האַלט גאָר אין דער סברא, אז דאָס איז דער משונה גרויסער ים־פיש כל יינ"א, פון וועלכען ס'איז דאָ זעהר אַ שיינער שטיעס אין דעם ספר „צל עולם" מיט די דאָזיגע ווערטער: „דער שרעקליך גרויסער פיש בעדעקט זיך מיט גראָז אין





מיט ערד. ביז ער זעהט אויס ווי אַ גרויסע וויספּע, און אַ מאָל מיינען די וואָס זעגלען אין ים, אז דאָס איז אַ שעהנער באַרג, זיי שטעלען זיך דאַרויף, מהוען וואָס זיי בעדאַרפען, קאָכען מאכלים, און אז דעם פיש ווערט וואַרעם פונ'ם פייער, טוקט ער זיך אונטער אין די אָבגרונטען און אַלע וואָס האָבען אויף איהם געלאַגערט ווערען דערטרונקען". דערמיט טאַקי איז אַ שטאַרקע אייזערנע ראיה צו יענע ווילדע חקרנים, וואָס האַלטען, אז די גלופּסקער איינוואוינער וואַקסען פון הינדיא"ה. זעגלענדיג פון דאָרט איבער דער פּיאַטיגנילעווקע אין די אַלטע יאָהרען, האָבען זיי מיט זיך פאַרשלעפּט דעם כל יינ"א, וואָס האַלט זיך אויף באמת אין אינדיא"ה און וואָס זיין טבע איז נאָכצולויפען נאָך די שיפען.

אז בנימין האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין טייך, האָט ער דאָרט דערזעהן טיף אין וואַסער עפּיס מיני בעשעפעניש, אַקוראַט גלייך צו די געשטאַלטען פון ווייבער.

נאָך גאַנץ לאַנג, זאָגט בנימין, האָב איך געלייענט אין ספרים, אז אין וואַסער זענען דאָ ים־מענשען, און דער מחבר פון „צל עולם" זאָגט דערויף בהורת עדות אַזוי: דער קאָפּ, דער גוף, דאָס פּנים און די בריסט זייערע זעהען אויס ווי אַ בתולה און זינגען זעהר שעהן און זיי הייסען שריינ"א. פון אַלטע אמתע מענשען, וואָס מען מעג זיי גלויבען אויפ'ן וואָרט, האָב איך אויך געהערט דערצעהלענדיג, אז זיי האָבען אַליין געזעהן אַזעלכע ים־מענשען ביי קאָמעדיאַנטען, וואָס פלעגען געוועהנטליך נאָך דער קאָמעדיע זיי ווייזען יעדערען פאַר עטליכע גראָשען, נאָר היינט האָב איך עס דערלעבט צוזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. איך האָב מיט גרויס וואונדער געוויזען אויף די בתולות דעם ערל און ער האָט מיר געוויזען אויף עפּיס וועשינס, וואָס זענען געשטאַנען בייים ברעג טייך און געוואַשען גרעט. איך וויין איהם אונטען אין וואַסער, און ער ווייזט מיר אויבען אויפ'ן ברעג. און וויל מיר האָבען איינער דעם אַנדערענס לשון נישט פערשטאַנען, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס איך וויין איהם, און איך האָב ניט געוואוסט, וואָס ער ווייזט מיר, און איך האָב פון איהם סכת דעב גאָרנישט געקענט דערגעהן".

נישט וויט פונ'ם ברעג נעבען דער שטאָדט האָט בנימין געזעהן אַ אינזעל אין טייך, וואו דאָס וואַסער איז משונה געדיכט, ערטערווייז איז דאָס פערגליווערט עפּיס נאָר ווי דרילעס און ערטערווייז איז דאָס וואַסער נאָך געדיכטער. פון דעם דאָזיגען וואַסער פיהרען די וואַסער־פיהרער צו די בעל הבתים אין די הייזער. דאָרט ווערען די געדיכטע דרילעס

צופידרט מיט פראכט וואסער אין דער פאס און מען קאנט דערכיט אלע כאבליס.

איך אליין, זאגט בנימין, האב דאס געקעכטס פון אזא וואסער נעגעסן, איך זאל אזוי עסן פון דער סעודה של לויתן, עס האט געהאט דעם זיבעטן טעם. א ראסעל־פלייש דערפון איז א כיבל כלבים. איך האב אנגעלענגט מיט דעם וואסער פולע קעשענעס און געהייסן סענדערלען מאכען דערפון א פעקיל, מחמת אויף אונזער ווייטער נסיעה אין ימים און אין מדבריות קען עס זעהר גוט צונ׳ין קומען.

לוסטיג און פרעהליך זענען איינמאל נאכמיטאג אונזערע פארשוינען געגאנגען נישט ווייט פון דער שטאדט, האבען געלאכט, געשפאסט, געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען אריין און עפּיס זעהר שטארק הנאה געהאט. עס האט אויסגעזעהן גאר ווי א פאליבט פאר־פאלק באלד נאך דער חתונה. וואס שפאצירט זיך פריי אויף דעם גרינעם גראז און קוויקט זיך מיט איטליכעם ווארט, מיט איטליכען קוק. נאר וואס זשע איז מיט אונזערע פארשוינען עפּיס אזוי די שמחה געווען? פארוואס האט זיי עפּיס אזוינס משונה הנאה געטאן אז זיי זענען געשפרונגען, האבען אונטערגעזונגען און געמאכט אנשטעלען ווי די רעכטע משוגענע? אט וואס: רבותים, בלי נדר, מארגען איז ביי זיי ביידע געבליבען צופארלאזען גלופסק און אין א גוטער שעה צוזעגלען העט אהין...

און ווי זיי געהען זיך דא אזוי לעבעדיג־פרעהליך, קומט זיי אונטער פלוצלים א פוהריל, אויפ׳ן וואגען זיצען צוויי יודלעך, איינער טרייבט און דער אנדערער זיצט אנגעבויגען אויף דער זייט, דאס היטעל איז איהם פאררוקט און ער האלט אין מויל א שטרייעלע. — זעהר גוטע סימנים, אז דאס יודישע קעפּיל טראכט דערנסטמאל עפּיס א אויבער־הסברה׳לע און דרעהט זיך משונה שטארק.

די צוויי יודען האבען אנגעקוקט אונזערע לוסטיגע פארשוינען, זיי בעטראכט פון קאפ ביז די פיס און זיך אריינגעלאזט דערנאך מיט זיי אין א שמועס. די ערשטע שאלה איז, ווי דער שטייגער איז געווען: פון וואנען זענען עס יודען? דערנאך — מה שמכם? און דערנאך דאס איבעריגע צעטעל שאלות, וואס יודען פרעגען געוועהנטליך איבער דעם אנדערען ביים ערשטען בעגעגעניש. מעהר האבען אונזערע פארשוינען נישט בעדארפט, זיי האבען געעפענט א מויל און זיך גענומען דערצעהלען אלסדינג, ווי מען זאגט, וואס אויף דער לונג — דאס אויף דער צונג. די יודען האבען זיך אנגעקוקט מיט א שמייכעלע, זיך געשושקעט אבים ל





און דער יוד מיט׳ן פאררוקט היטעל אי מיט דעם שטרעיילע אין מויל האט דערבײַ געמאכט, — עט, נישקשה. עס וועט אבלויפען, נאר אין ערנסטען פאל איז נאך עטליכע ממתקים...

— ווייסט איהר וואס? — האבען די יודען צום סוף זיך אנגערופען — אונזער שטאדט מעג, כ׳לעבען, אויך די זכיה האבען צוזעהן ביי זיך אזעלכע צוויי פיינע מענשען. מיר בעטען אייך זעהר שען. אט, כ׳לעבען, טהוט אונז אן דעם כבוד און זעצט זיך. זייט מוחל, באלד טאקי מיט אונז אויף, נישט לאנג געטענה׳ט, מיר זענען אייך ערב, אז מען וועט אייך ביי אונז זעהר שען צונעהמען מיט עסען, מיט טרינקען און מיט וואס נאר מעגליך.

— מיר וואלטען עס אייך באמונות צוליב געטאן, האט בנימין געענטפערט, נאר ביי אונז איז געבליבען מארגען בלי נדר פון דאנען זיך צולאזען מיט דעם וואסער.

— האט נישט קיין פאראיבעל, האבען די יודען געזאגט, איהר רעדט, כ׳לעבען, נארישקייטען, אויך מיר א וואסער די פיאטיגנילעווקע! [illegible] איז, מחילה, א פישגריבעל, א טינוף, א פערשטונקענע בלאטע, א פארצוויטעטע, פארשימעלטע לוזשע. ביי אונז האט איהר דעם דניעפר, וואס פאלט גלייך אין ים אריין. פון אונז וועט איהר טאקי, אם ירצה השם, גיך און געשווינד קומען אהין אין אייער רוהע אריין. עקשנט זיך נישט, כ׳לעבען, היידא ארויף אויפ׳ן וואגען.

— וואס זאגסט־דו, סענדעריל? — האט בנימין זיך אנגערופען, — לאמיר אפשר טאקי די יודען צוליב טאן און פאהרען.

— וואס פאר א דאגה איך האב, — האט סענדעריל געענטפערט, — אז דו ווילסט פאהרען, זאל זיין פאהרען.

עס האט נישט געדויערט לאנג, זענען אונזערע פארשוינען שוין געזעסען אין וואגען שטארק צופרידען אויף דעם כבוד, וואס מען פארבעט זיי צו גאסט, און האבען זיך פירגעשטעלט גדולות. א וועג האבען זיי געהאט זעהר א פרעהליכען. די יודען האבען אויף זיי געהאט א אויג און פשוט געהיט זייער טריט, האבען זיי צוגעפילעוועט מיט עסען און טרינקען אזוי ווי א קינפעטערין. אונזערע פארשוינען האט זיך אזוינס אין זייער לעבען נישט געחלומט.

אויף דעם צווייטען טאג פארנאכט זענען זיי אנגעקומען בשלום קיין דנעפּראוויץ. די יודען זענען מיט זיי פארפאהרען אויף א סטאנציע און געמאכט פאר זיי א גוטע וועטשערע

— היינט זייט איהר פון א וועג מיד, שלעפעריג, — האבען די ידען געזאגט, — בבן איז גלייכער, איהר זאלט זיך לעגען פאר פריה אויסרוהען. מארגען, אם ירצה השם, אז איהר וועט אויפשטעהן געזונט פריש און שטארק, וועלען מיר אייך פיהרען צו עטליכע גרויסע לייט, פערוואָרפען פאר אייך א גוט וואָרט, און אז זיי וועלען אייך אויפגעהסען, זייט איהר שוין פארזאָרגט מיט אלע אייערע הצטרכות און וועט קענען גיך און באלד מאכען אייער ווייטע נסיעה. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאָהר! האָבען אונזערע פארשוינען נעענט-פערט, באלד טאקי האָבען זיי אָבגעלייענט קריאת-שמע, זיך געגלעט א ביסיל דעם בייכעל, גענענצט, געקראצט זיך, ווי דער שטייגער איז, און זיך געלעגט מיט א פרעהליך געמיטה שלאפען.

# דאס צוועלפטע קאפיטעל.

## ווי מען פיהרט אונזערע פארשוינען אין באד.

— גוואלד ווידוי, חאטש אָבזאָגען ווידוי! — האט סענדעריל פונים שלאף גישט מיט זיין קול געשריגען און אויפגעוועקט מיט זיין געשריי בנימינן.

בנימין איז נישט טויט — נישט לעבעדיג אראב געשפרונגען פון זיין געלעגער, האט אין דער גיך אָבגעוואָסען געגעלוואסער און איז צוגעלויפען צו סענדערלען זעהן, וואס טהוט זיך מיט איהם אזוינס.

אין דרויסען האט אָנגעהויבען צוגרויען אויף טאָג און אומעטום איז געווען שטיל, מען האט נאָר געהערט א חראָפען פון שלאָפעדיגע מענשען אין דעם נאָנצען שטוב, איטליכער האט געחראָפעט אויף זיין שטייגער: דער אויף א קול פון א באַנדורע, יענער אויף פרומייט, איינער האט עס געמאכט שטיל בקיצור, דער אַנדערער האט עס געצויגען העכער, העכער אויף דריי נאָרען, דערנאָך אויסגעלאָזט מיט א דרעה, מיט א בייזער זיי איינער פרעגט א שטארקע קשיא, און צוגעפויקט מיט די באקען. אינאיינעם איז עס געווען א גאָנצער קאָנצערט, אין וועלכען די געזער האָבען געטריי געאַרבייט אויף אלע כלים און צוגעשפילט לכבוד די בערימטע זינגער וואנצען, בשעת זיי האָבען געשמאק געגעסען די שלאָפענדיגע אין געטרונקען זייער בלוט — יודיש בלוט!

דנעפראָוויץ האט א לאַנגע צייט געפאַסעט איהרע וואנצען, איהרע מענשענפרעסער דאָרט אין דעם שרעקליכען גאייפאַהרהויז, און דער

וויסטער אָבגעזונדערטער יודישער אכסניא וואו אַ וואַנץ אין עפּיס אַ קוואַרטאַל איז אַלץ אַהינצו געקראָכען און געזויגען, געצאַפּט יודיש בלוט. . . קומענדיג קיין דנעפּראָוויץ איז ש״ין אַ יוד מוכן ומזומן געווען, אַז ס׳וועט איהם קאָסטען אַביסיל בלוט און אָהן אַזאַ חאַבאַר איז גאָר קיין סבראָ ניט זיך אויסצודרעהען. בייס שוין, בייס, דו „דנעפּראָוועצק״, שטינק שוין, שטינק, דו וואַנצעלע, שרייב שוין, שרייב דיינע בלוטיגע צייכענס און טראָג זיך, געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! —

— וואָס שרייעסט דו אַזוי סענדעריל? — האָט בנימין איהם געפרעגט צוגעהע:דיג צו זיין געלעגער, — אוודאי אַ וואַנץ האָט דיך געמוזט שטאַרק אַ ביס טאָן? אַ שרעק, וויפיל דאָ איז וואַנצען, זיי האָבען אַ גאַנצע נאַכט מיך נישט געלאָזט אַ אויג צוטאָן, ערשט נישט לאַנג וואָס איך בין אַנשלאָפען געוואָרען.

— אַי — אַי, גיכער, לאָמיר גיכער צנטלויפען! — האָט סענדעריל געשריגען נאָך אַלץ פערדולט.

— גאָט איז מיט דיר, סענדעריל! וואָס רעדסט-דו? מילא מה רעש, אַז אַ וואַנץ גיט אַ ביס; דאַרויף איז זי דאָך אַ וואַנץ און דו ביסט אַ מענש . . .

סענדעריל האָט אַקעגען אַ פּאָר מינוט אָנגעקוקט בנימינ׳ן ווי צומישט, דערנאָך זיך אויסגעריבען די אויגען און געזאָגט מיט אַ זיפץ.

— אוי, עס האָט מיר זיך געחלומט זעהר אַ שרעקליכער חלום; הלוואי דערפון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזען.

— עט, מאַלי וואָס אַ מענשען חלומט זיך אַ מאָל. — האָט בנימין געמאַכט, — מיך האָט זיך היינט אויך געחלומט — עפּיס אַ פּיפּערנאָטער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיך שטאַרק אָן און זאָגט צו מיר: איהר זייט עס רב בנימין פון טונעיאַדעווקע? קומט, זייט מוחל, מיט מיר אַהין, אַהין, אַלכסנדר מוקדון שטעהט דאָרט מיט זיין חיל און חלשט מיט אייך זיך צובעקענען. איך גיב מיך אַ לאָז, דער פּיפּערנאָטער לויפט פאָר:ויס, איך נאָך איהם. „איהר לויפט, אָהן עין הרע, געשווינד ווי אַ פייל אויסען בויגען, איך קען אייך גאָר נישט אָניאָגען״ הער איך עמיצען שרייענדיג הינטער מיר. איך קעהר מיך אום און דערזעה אַלכסנדר מוקדון. אדוני מלך! שריי איך, חאַפּ איהם ביי דער האַנד, קוועטש און קוועטש, עס פאַרגעהט מיר אָבער פלוצלים אין דער נאָז עפּיס אַ מין שרעקליכער געשטאַנק טאַקי נאָר צום חלשען. איך חאַפּ מיך אויף און





פיהל אין דער האַנד אַ צוקוועטשטע וואַנץ . . . טפו זאָל עס ווערען! מאַ שפּי, כ׳לעבען, דריי מאל אויס, סענדעריל, און פאַ־געס דיין חלום. וואָס האָט דיר אַזעלכעס זיך געחלומט?

— טפו, טפו, טפו! האָט סענדעריל בתמימות דריי מאָל אויסגעשפּ׳גען און דערצעהלט זיין חלום:

— מיר האָט זיך געחלומט, ווי איך געה מיר גלאַט אַזוי אויף דער גאָס אין פאַרגעה מיר העט וייט. פלוצלים גיט מען מיך פון הינטען אַ האַפּ און מען ויאַ־פּט מיך אין אַ זאַק אריין, מען טראָגט מיך אַזוי אין דעם זאַק, מען טראָגט מיך, טראָגט, ביז מען האָט מיך ערגיץ עפּיס פאַרטראָגען. איך פיהל, ווי עמיצער בינדט דעם זאַק אויף און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש, טאַקי וואָס אַ פּאַטש הייסט, אַז צוויי צייהן זענען מיר ארויסגעפאַלען. „דאָס האָסט-דו דיר ערשט איין אַראַרויף, הער איך ווי מען זאָגט, אינגאַ:צען וועל איך דיר סיליק׳ן שפּעטער״. איך גיב אַ בליק, מיין ווייב אין אַ ספּאָדיק שטעהט מיר אַקעגען שטאַרק אין כעס, די אויגען ברענען איהר ווי אַ העליש פייער און פונ׳ם מויל זעצט איהר ארויס אַ שוים. „וואַרט נאָר אַביסיל, וואַרט, תכשיט מיינער, זאָגט זי מיט אַ בייזען געלעכטער, איך וועל געהן נעהמען די קאָטשערע און דיר ווייזען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען״. ווי זי געהט נעהמען די קאָטשערע, אַז מיינער חאַפּט די פיס אויף די פּלייצעם און אַוועק, אַוועק, איך לויף. איך לויף און קום צולויפען אין עפּיס אַ קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינסטער, גליטשיג, נישטאָ קיין נפש. איך לעג מיך אין אַ ווינקעל, מאַך צו די אויגען און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רב סענדעריל, עליו השלום, צו מיר צוגעהן, זעהר אומעטי:ג, מיט פאַרוויינטע אויגען און זאָגט: „סענדעריל מיין קינד, שלאָף נישט, ווי נאָט איז דיר ליב, סענדעריל, שטעה אויף, שטעה אויף, סענדעריל, סענדעריל, און לויף פון דאַנען אַוועק! אַוועק, סענדעריל, וואָהין די אויגען טראָגען, דו ביסט אין אַ סכנה!״ איך וויל אויפשטעהן, אָבער איך קען מיך נישט ריהרען, גלייך ווי מען האַלט מיך צו. איך נעהם מיך צום קאָפּ און טאַפּ אויף מיר אָן עפּיס אַ קאָפּקע. הע — הע, איך בין נאָר נישט סענדעריל, איך בין, מחילה, גאָר אַ יודענע, אָהן אַ סימן באָרד, טראָג עפּיס אַ מין ייפּע אין מיין בויך, מיין בויך, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, טהוט מיר שרעקליך וועה! נישקשה, רופט איינער עפּיס זיך אָן, ביי אַ ערשטלינג געהט עס תמיד אַביסיל שווער צו. איך פּעטער, פּעטער! שריי איך אין אויז ייפּעם ל׳איז גאָר ניט פאַר מיינע

כחות, אָט, אָט פאַל איך חלשות „אַ קולאַק אין דער פּאַטיליצע אין דערצו זעהר אַ גוטע סגולה, דערמיט קען איך דיך מינטערן, זאָגט דער פעטער, און לאָזט מיר טאַקי אַראָב עטליכע קולאַקעס. נאַ דיר פאַר פריהער, פאַר איצונד, אי פאַר שפּעטער".—מאַכט ער דערביי, דרעהט זיך אוים און ווערט פאַרשווינדען. איך ליג אין איינע צרות, ליג און ליג ביז גאָט העלפט מיר, איך גיב מיך אַ ריס מיט גוואַלד און שטעה אויף. איך לויף-צו גיך צו דער טיר. זי איז פאַרשפּאַרט, איך קלאַפּ, קלאַפּ און קלאַפּ, אומזיסט די מיה. פלוצלים שפּרינגט די טהיר זיך אויף און ווי איך שטעל אַרוים אַ פוס, חאַפּען מיך גזלנים און פיהרען מיך אַוועק עפּים אין אַ הייל. דאָרט נעהמען זיי אַרוים אַ חלף און ווילען מיך קוילען. ווי זיי האַלטען דעם חלף מיר אויפ'ן האַלז, שריי איך: גוואַלד! לאָזט מיך חאָטש אָבזאָגען ווידוי! אָט דאָס האָסט-דו דיר, בנימין, מיין חלום, הלוואַי ער זאָל זיין צו גוטען.

— שפּיי אוים, סענדעריל, נאָך דריי מאָל, — האָט בנימין איהם אַ עצה געגעבען, — און שלאָג דיר דיין חלום פונ'ם קאָפּ אַרוים, איבער־ רינענס. אויב דו ווילסט, שטעה אויף, ס'איז שוין טאָג, און זאָג עטליכע קאַפּיטעל תהלים.

סענדעריל איז מיט אַ זיפץ אַראָב פון זיין געלעגער, האָט אָבגע־ נאָסען נעגעלוואַסער, אָנגעטאָן זיין האַלאַטעל און אַרויסבעקומען זיין תהלים עברי-טייטש. עס האָט זיך אויפגעמישט דאָס צעהנטע קאַפּיטעל, ביי וועלכס ער האָט געהאַלטען און ער האָט מיט אַ אומעטיגען ניגון אָנגעהויבען:

וואָס שטעהסט-דו, גאָט פון ווייטען,
פאַרבאַרגסט-זיך אין שלעכטע צייטע'?

זיין ניגונדיל איז געוואָרען טרויעריגער און ריהרענדיגער ווייטער אַביסיל ביי די דאָזיגע פסוקים:

ער זיצט אין ערגיץ אַ פּערטאַיעט אָרט
אין שטילען טויט ער דעם עהרליכען דאָרט
די אויגען דרעהען איהם זיך היין אי צוריק
אויפ'ן אָרמען האָבען זיי אַ שטאַרקען קיק,
ווי אַ לייב אין זיין נאָרע לויערט אויך ער
ער לויערט צו חאַפּען דעם אָרמען אָהער.





## דערלאַנגט דעם אָרמען שוין טאַקי א חאַפּ אַבי מיט זיין נעץ א ציה נאָר. א קלאַפּ:

אַז סענדעריל האָט אָבגעזאָגט תהלים, איז שוין געוואָרען העכס טאָג, אַלע מענשען אין שטוב זענען שוין אויפגעשטאַנען. א גרויסער סאַמאָוואַר ווי אַ קעסיל האָט שטאַרק געקאָכט אויפ'ן טיש און דער עולם האָט געטרונקען טהע. בנימינ'ן און סענדערלען האָט מען אויך געגעבען צו גלעזלעך וואַרעמס. זיי האָבען אַביסיל זיך דערפרישט און פרעהליכער געוואָרען.

י שטוב, וואָס פריהער אַביסיל איז זי געוועזן אַ ספּאַלניע, דערנאָך אַ טשאַיניע, איז פּלוצלים געוואָרען אַ קלייזעל. עס האָבען זיך פערקאַ־ טשעט אַרבעל, זיך ענטפּלעקט נאַקעטע יודישע אָרעמס: רויכיגע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונקעלע פון אַלערליי קאָלירען און געשטאַלטען. איטליכער איז אַריין אין טלית און תפילין און געגעבען אַ דאַווען.

אונזערע צוויי יודען האָבען געדאַוונט געשמאַק, זיך גע־פּיעסטעט, געקריטט, געמאַכט חנדלעך און פיסקעלעך, ווי אמת צובראָכענע יודען, זיי האָבען אַוועקגעטענהיעט מיט'ן רבונו של עולם אַלץ: טאַטעניו! פאָטע־ רוניו! און שיהות געמאַכט אין דאַווענען מעהר פון אַלע אַנדערע. נאָכ'ן דאַווענען האָבען זיי גענומען צו קעלעשקעלעך שליש, אַ זופּ געטאָן פריהער, זיך פּאַסמאַקעוועט און אויף דער נאָז זענען אַרויסגעטרעטען רויטגלאַנצע־ דיגע ווייםפּערלעך, דערנאָך האָבען זיי געמאַכט צום גאַנצען עולם: לחיים, לחיים! און צוגעווינשעוועט: דער אויבערשטער זאָל שוין רחמנות האָבען אויפ'ן גאַנצען כלל ישראל, נעבעך! האָבען פאַרגלאָצט דערביי די אויגען, געטאָן אַ שטילען זיפץ און אַריינגעגאָסען אין זיך דאָס קעלע־ שעקיל. אַ סימן, דאָס זענען געוועזן נישט קיין פּראָסטע יודען, נאָר פרומע, כשרע, שענע יודען.

איינער פון די דאָזיגע שענע יודען איז דערווייל אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָדט און האָט זיך דאָרט פערזאַמט אַקעגען אַ פּאָר שעה, אַז ער איז צוריק געקומען, האָט דער חבר זיינער איהם אַריינגעקוקט אין פנים, וואָס האָט בעשיינפּערליך געלויכט, און ביידע זענען געוועזן זעהר צופרידען. זיי האָבען געהייסען גרייטען צום טיש, זיך געגאַנגען וואַשען און איבערגעקוקט פריהער די קוואָרט, ווי דער שטייגער איז פון שענע יודען, האָבען געבעטען אונזערע פאַרשוינען, זאָלען אויך זיך וואַשען און מוחל זיין זעצען זיך מיט זיי אינאיינעם עפּים איבערצובייסען. ביים טיש

זענען זיי געווען לוסטיג. האָבען געלויבט די בעל-הביתטע פאר איהרע גוטע מאכלים און משונה פון איהר הנאה געהאַט. זיי האָבען זיך אריינגעלאָזט אין אַ שמיעס, גערעדט מכח דעם כלל יודען, ווי ס'איז שוין מאַקי צייט זיי זאָלען, נעבעך, אויפגעריכט ווערען, פאַרוואָס קומט אזא פאָלק, אזא טייער פאָלק זאָל, נעבעך, אַזוי פערשוואַרצט ווערען? זיי האָבען זיך צולאָזט אין די שבחים פון די כנסת ישראל, געלויבט אין טאָג אריין דאָס יודיש קעפּיל.

— וואָס קענען דען יודען נישט? אַלע חכמות פון דער וועלט, ווי דער טעלעגראַף, אַייזענבאַנד און נאָך אַזעלכע זאַכענישען געפינט מען נאָך גאַנץ לאַנג ביי יודען. נאָר דאָס אַלסדינג אָבער איז נאָך פון די קליינ-קייטען. דער עיקר איז נאָר עפּיס אַנדערש, דאָס פּינטעלע, דאָס פּינ-ע-לע—אָט וואָס דער עיקר איז...

זיי האָבען זיך אַרויפגעהאַפּט אויף די אַפּיקורסים, אויף די היינטיגע מאָדנע געלערענטע, פאַרשאָלטען זיי דאָס געביין, געשפּיגען קלעק און זיי איינגאַנצען און אויף די שקאָלעס, וואָס מען לערענט דאָרט טרפה-פסול אָהן אַ היטעל.

— באַלד וועט מאַקי זיין אַ פּרק משניות אַ רענדיל און אַ פראַ-שעניע אָנשרייבען אַ גילדען. אוי, איז היינט אַ וועלט, אַ שענע וועלט, כ'לעבען!...

אַזוי האָבען זיי אַלץ גערעדט און זענען איבערגעגאַנגען דערפון אויף אַ שמיעס מכח דער נסיעה פון אונזערע פאַרשוינען.

— מיר ווינשען אייך, האָבען זיי געזאָגט, השם-יתברך זאָל הסד טאָן און ממלא זיין דאָס אַלסדינג, וואָס מיר בעגעהרען אין איך צוזעהען.

בנימין איז געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פון אזא ברכה. דער-צו איז ער נאָך געווען, ווי זאָגט מען עפּיס, אַביסיל פאַרלעקט. ער האָט געפּעפּט אַ מויל און גערעדט פאַר פיער אי פאַר וואַסער.

— ווייסט איהר וואָס, רב בנימין, רב סענדעריל? — האָבען די יודען געזאָגט צוצווינגען, נאָכדעם אַז זיי האָבען זיך אויפגעהייבען פונ'ם טיש, — מיר וועלען זיך נוהג זיין כפשטות ווי פראָסטע יודען. אַזוי ווי אונזערע עלטערען האָבען זיך נוהג געווען. נאָך אַ וועג וועלען מיר זיך אַלע געהן אין מרחץ אריין, צופאַרען די ביינער. איהר וועט זיך מעגען דאָרט אָבשערען אָדער אָפּגאָלען, איהר וועט, כ'לעבען, ווערען גאָר אַנ-דערע מענשען. און נאָכ'ן מרחץ וועלען מיר זיך נעהמען צו אונזערע





עסקים, אַזוי מאַקי, בנאמנות, אַזוי וועט בפשטות מאַקי זיין גוט. ס'איז אפשר אַביסיל נישט היינטמאָדיש, ביי די אפּיקורסים מעג זיך אַ מרחץ אייכקימען עפּיס ניט שען, נאָר מיר זענען אָבער נישט קיין געבוילבעטע, אָט לאָמיר זיך נוהג זיין ווי אונזערע זיידעס פאַרצייטען.

פון אַ מרחץ זאָגט זיך אַ יוד קיינמאָל נישט אָב. דאָס וואָס אַ שענק פאַר די פויערען, אַ טייכעל פאַר גענז און קאַטשקעס, דאָס איז אין הונ-דערט גראַדען נאָך מעהר די באָד פאַר אַ יודען. דעם טעם, וואָס אַ יוד פיהלט אין אַ באָד, קען עס קיין אומה ולשון נאָר נישט פיהלען. די באָד האָט ביי איהם אַ גרויס שייכות מיט זיין רעליגיע. מיט זיינע אינווע:דיגסטע געפיהלען און מיט זיין פאַמיליען-לעבען. קיין יודישע נשמה ריהרט זיך נישט פונ'ם הימעל אריינצוקריכען ערגיץ אין אַ בויך, מען קען זי נישט נעהמען, איינבעטען דורך קיין שום זאַך, סיידען נאָר דורך אַ באָד. דאָ איז די הויפּט-אַגענטור, די צענטראַלע קאָנטאָר צווישען דעם הימעל מיט דער ערד. איידער אַ יוד ווערט נאָך געבוירען, איידער נאָך עס וואַרפט זיך אין איהם אַ אבר, ווייסט מען שוין פון איהם אין דער דאָזיגער קאַנ-טאָר פונ'ם בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער טוקערקע אין דער ביי-טעלמאַכערין. די נשמה יתרה שבת און יום טוב פיהלט אין זיך נישט אַזוי אַ יוד, ווען ער שווינקט זיך פריהער נישט אָב אין באָד. אָהן דעם איז ער עפּיס אַלטגעבאַקען, נישט פריש. קוקט אָן אַ יודען פרייטאָג קומענ-דיג פונ'ם מרחץ, ער בליהט, ער איז יונגער מיט צוועלף יאָהר, דער יודישער פונק ברענט אין איהם און לייכט אַרויס פון זיינע איינען. אַלע זיינע געפיהלען זענען עפּיס שאַרפער, פרישער. דער ריח פון די געפילטע פיש און פון דעם איינגעפּלעטען צימעס פאַרנעהמט איהם ווי קטורת אין דער נאָז, זי שמעקט, שמאַרעט און איז מקבל תענוג. עס זינגט זיך איהם עפּיס אויפ'ן האַרץ, ער גיט קאָנצערט אין טראָפּ, קנאַקט ווי אַ סאָלאָווי שיר השירים, צופּיעסטעט זיך דאָרט ווי אַ קינד, צופלאַקערט זיך, צוהיצט זיך און איז האַלב אויף יענעם עולם... אין באָד קומט אַ יוד ווי אין אַ פאַטערלאַנד, ווי אין אַ פרייער מדינה, וואו איטליכער האָט אַ גלייכע דעה, וואו עס שטעהט פאַר איהם פריי צו דערגרייכען גלייך מיט אַנ-דערע אַ הויכע שטופע—אַרויפקריכען אויף דער אויבערשטער באַנק. דערמינטערן זיין פערצומערטע נשמה, חאָטש אויף אַ שעה אויסגלייכען זיינע ביינער און אָראָבגעוואַרפען פון זיך זיין פעקיל דאגות און יסורים. אָט וואָס אַ באָד איז ביי יודען!

דעריבער איז דער פּלאַן פון אין-מרחץ-געהן אונזערע פאַרשוינען

געווען שטאַרק לרבון. זיי האָבען נישט געמאַכט קיין גרויסע הביות און אין עטליכע מינוט אַרום זענען זיי שוין געגאַנגען מיט די צוויי שענע יודען.

אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַ באָד, ווי געוועהנטליך אַ מרחץ איז אין די יודישע שטעדטלעך, עפּיס אַ מין בנין, שוואַרץ, פערשמירט פון דרויסען, באַרג אַראָב ערגיץ אין אַ העק מיט אַ שווערען צוטריט אַהינצו אויף שמאָלע צובראָכענע קלאַטקעס: און אַז די יודען זענען צוגעקומען צו אַ שענער דריי-גאָרענדיגער מויער, סאַמע אין דער מיט גאַס, און געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד“, האָבען זיי פעררייסען די אויגען און געקוקט שרעקליך פערוואונדערט.

— איהר זענט נאָך טאַקי גאָר אמתע פריצען, — האָבען די יודען פון זיי געשפּאַסט, — קומט, זייט מוחל אַריין, אינווענינ, וועט איהר נאָך עפּעס שענערעס זעהן.

אַריינקומענדיג אין דער פאָרצימער האָט אונזערע פאַרשוינען פערשיינט אין די אויגען דער געמאָלטער פאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיי זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען אין דעם פערצויבערטען שלאָס, וואָס איך בבא-מעשה און אין טויזענט מיט איין נאַכט, באַלד וועלען פּרינצעסינס, בת-מלכות זיי מקבל פנים זיין. זיי וועלען זיך דאָ וואויל טאָן און לעבען אויף וואָס די וועלט שטעהט. נאָר אנשטאט די בת-מלכות איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ סאָלדאַט מיט אויבעלעך און האָט שען-פיין זיי געלאָזט בעטען זיך אויסצוטאָן.

— טהוט זיך, זייט מוחל, אויס,—האָבען די שענע יודען צו זיי געזאָגט, — מיר וועלען דערווייל אריינגיין אַהין בעצאָהלען באָד-געלד. נישקשה, איהר וועט דאָ האָבען אַ גוט שוויצבעדעל.

אַז אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך אויסגעטאָן, האָבען זיי פערנומען זייער פּעקיל זאַכען, ווי דער שטייגער איז, אויסצופּרודזען עס. קיין טוך העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך נישט געפונען, זיי האָבען אַוועקגעטראָגען אַ העמד עטליכע וואָכען. עס פערשטעהט זיך, אַז עס האָט זיי, נעבעך, געביסען און דאָס פּרודזען איז זיי געווען טאַקי נייטיג אין לעבען אַריין. נאָר דער סאָלדאַט האָט ביי זיי אַוועקגענומען די זאַכען און זיי אַריינגעפיהרט אין אַ חדר אַריין. דער חדר איז געווען אויסגעמעבעלט מיט ביינקלעך, אַרום אַ גרויסען טיש זענען דאָרט אויף שטולען געזעסען מענשען פיין אָנגעטאָן. אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך אַרומגע-





קוקט אין אַלע זייטען, זיי איז שטאַרק קשה געווען, וואו גיסט מען דאָ אויפ'ן שטיין און וואו וועלען זיי דאָ שוויצען?

— צי טוט זשידאָווסקי באַניאַ? — האָט סענדעריל אַ פרעג געטאָן נאָכדעם, אַז בנימין האָט איהם אַ שטורך געגעבען און איהם געהייסען נישט מאַכען דאָ קיין פיל שיחות און פרעגען.

איינער פון די לייט, וואָס אַרום טיש איז צוגעגאַנגען, האָט אָנגעקוקט אונזערע נאַקעטע פאַרשוינען, וואָס זענען, נעבעך, געווען דאַר, אויסגעדייווערט. אָהן אַ לויט פלייש. נאָר הויט און ביין, און געמאַכט מיט זיי עפּיס אַ שמועס אויף מאָסקאָוויטערש.

— הא, וואָס זאָגט ער דאָ עפּיס, סענדעריל? — האָט בנימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָס אָנהויבען פאַרשטעהן אַ וואָרט! — האָט סענדעריל געענטפערט און געמאַכט מיט די אַקסלען, — נאַט אייך, שטיינס-געזאָגט, אַ לשון! עפּיס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— אַ — אַ, נאַרעלע, — האָט בנימין זיך אָנגערופען, — וואָס פאַרשטעהסט דו דאָ נישט, נאַרעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פאָדערט ביי אונז אַ בילעט, וואָרום אין אַזאַ באָד מוז מען געהן אויף בילעטען. זאָג איהם, אַז די יודען האָבען שוין דאָך דאָ פריהער בעצאָהלט פאַר אונזערע בילעטען.

— יאַק-זשע, פּאַני, טייצ זשידקי אָוזשע דאַלי טוטעטשקאַ זאַ... — האָט סענדעריל אַ רעד געגעבען און איז פלוצלים געבליבען ווי דערוואָרגען, נישט געקענט אויספיהרען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

— אַ בילעט, פּאַני, ס'טייטש, זשידקי, להבדיל, פּאַני, זאַפּלאַטיל! — איז בנימין אַרויס אויף זיין לשון און האָט דערקלערט די זאַך גאַנץ קלאָר, קורץ און שאַרף.

דער דאָזיגער מענש, וואָס איז פריהער צוגעגאַנגען צו אונזערע פאַרשוינען, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און מען האָט זיי באַלד אַריינגעפיהרט ווייטער אין אַ חדר, וואָס דאָרט איז מען, כפי זייער מיינונג, מחויב געווען, אַ פּנים, צושוויצען געשמאַק...

אַז מען האָט בנימין און סענדערלען שפּעטער אַביסיל מיט אַ צייט אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, איז שווער געווען זיי צודערקענען, אַזוי פערענדערט זענען זיי, נעבעך, געוואָרען: אָבגעגאָלט פון פאָרענט, אָהן

בערד, אהן פאות, די אויגען פארדרעהט. גאר גלעזערנע. אויף דעם שטערען קאלטע גרויסע טראפען שווייס. א וואלקען, א חמארע אויפ'ן גאנצען פנים. איינגענורעט, איינגעהויקערט. מיט א ציטער איבער דעם גאנצען לייב. און ארום זיי סאלדאטען.

אויפ'ן הימעל האט זיך אנגערוקט א שווארצע פינסטערע חמארע. א בליץ האט מיט אמאל בעלייכטעט די דאזיגע קאמפאניע. באלד דארויף האט א דונער געגעבען שרעקליך שטארק, אז אלע זענען פערציטערט געווארען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטורעמווינד. רעדלעך שטויב האבען זיך געטראגען ווי די רוחות, פערחאפט אויפ'ן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך אי שטיקלעך פאפיר, אלע אינאיינעם האבען געטאנצט עפיס א משוגע'נעם טאנץ און זיך געדרעהט. געדרעהט אלץ אין דער הויך ארויף, ארויף... די טשערעדע פוג'ם פעלד איז געלויפען אומרוהיג מיט א געשריי און א רעווען, ווי א סטאיע הונגעריגע וועלף וואלטען זי נאכגעיאגט. עס האט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט גלייך ווי דער אויבערשטער איז שטארק אויפגעבראכט געווארען אויף דער זינדיגער ערד און אויף אלסדינג וואס דא געהט פיר, ער האט זיך אנגעהאפט ביים קאפ, געבליצט מיט זיינע צארנדיגע אויגען, געהילכט און געשריגען, אי, אי! מיט זיין דונערדיגען קול. עס האט צום-לעצט א זעץ געטאן משונה א שרעקליכער דונער, פון הימעל האט אראבגעקאפעט ווי טרעהרען גרויסע טראפענס רעגען, וואס אין זיי האבען זיך אויסגעמישט טראפען נוים-שווייס און בלוטיגע טרעהרען פון אונזערע בידנע, אומגליקליכע פארשוינען...

אך, בנימין און סענדעריל האבען גאר נישט געוואוסט, אז נישט דווקא אין דער מדבר איז א סכנה צו רייזען מחמת די ווילדע שלעק, עקדישען, פיפערנאטערען און חיות-רעות וואס דארט. נאר דא אין די מקומות, דא איז ערשט די גרעסטע סכנה! יענע צייט. ווען אונזערע פארשוינען האבען געוואנדערעט, איז געווען די שווערע, פינסטערע-ביטערע צייט — די צייט, ווען איין יוד האט געזוכט צו דערטאפען דעם אנדערען און

ווי א לייב אין זיין נארע געלויערט האט אויך ער
געלויערט צוחאפען דעם בעזפאספארטנע אהער
און איהם אבגעבען פאר א פוימענע, א קרבן פאר זיינע, אדער





פאר יענעמס קינדער! אך, אונזערע פארשוינען, נעבעך, האבען נישט געוואוסט, אז זיי געפינען זיך שוין טאקי אין דער מדבר, צווישען ווילדע בעשעפעניש אי חיות רעות. און די צוויי שענע, כשרע יודען זענען גאר פיפערנאטערען!

## דאס דרייצעהנטע קאפיטעל

### זעלנער זענען, נעבעך, אונזערע נוסעים געווארען

איטליכער קען זיך משער זיין די שלעכטע לאגע פון אונזערע בידנע פארשוינען, ווי פינסטער און ביטער זיי איז, נעבעך, געווען, מיר פערשפארען עס צו שילדערן.

די ערשטע צייט זענען זיי געווען ווי צומישט און האבען לחלוטין נישט פערשטאנען, וואס מיט זיי טהוט זיך אזוינס. אלסדינג איז פאר זיי געווען פרעמד, אי די סבארנע, אי די סאלדאטען, אי דער לשון און די אלע זאכען, וואס מען האט זיי געהייסען טאן. דער שינעל איז אויף זיי גע־אנגען ווי א מארבע. ער האט אויסגעזעהן טאקי נאר ווי א ייפע, און דאס היטעל, משטיינס־געזאגט, איז געלעגען אויף זייער קאפ נאר ווי א קאפקע. אנקוקענדיג זיי האט זיך געדאכט. עפיס איז עס איינגע צען נאר א אנשטעל, עפיס האבען צוויי יודען זיך פארשטעלט און מאכען חוזק פון די אלע זעלנער, קרימען זיי זיך נאך און ווייזען פאר איטליכען גאנץ פריי, ווי נאריש, משטיינס־געזאגט, זיי אלע זענען מיט זייער אלץ־בייט־איינאנדער. אז־אך־און־וועה צום ביקס, נעבעך, וואס ער איז אריינגעפא־לען צו אונזערע פארשוינען. ביי זיי אין די הענד האט ער גאר נים גע־האט דאס פנים, אקוראט ווי א קאטשערע אין די הענד פון א מאנסביל, וואס פארעט זיך אין קיך ביים פריפעטשעק. ביי דער אוטשעניע פלעגען די אבארבייטען אזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פיסלעך, 38 ס'איז געווען גאר א ריינע קאמעדיע.





אין קלעפ, פארשטעהט זיך, זענען זיי נישט זשעדנע געווען, נאר וואו איז דען, זאגט מען, אין דער וועלט עפיס א צרה, וואס דער מענש זאל מיט איהר נישט געוועהנט ווערען? נישט נאר דער מענש, אפילו אנדערע בעשעפעניש ווערען אויך געוועהנט. בעדארף מען מעהר פריי ווי א פויגעל איז, פונדעסטוועגען אז מען פאנגט איהם און מען זעצט איהם אריין אין א שטייגעלע, געוועהנט ער זיך צו ביסליך, הייבט אן צופיקען קערנער מיט אפעטיט, שפרינגט און זינגט פרעהליכע לידער, גלייך ווי די גאנצע וועלט מיט איהרע פעלדער און וועלדער איז פאר איהם דא אין דעם ענגען שטייגעלע. אונזער סענדעריל האט ווייטער, ווייטער טאקי אנגעהויבען מיט זיין לאגע זיך צוגעוועהנען. פלעגט זיך גוט צוקוקען צום מושטיר פון די זעלנער און פריוועז נאכמאכען זייערע אלע שטוקעס אויף זיין שטייגער. ס'איז געווען א פרייד צו־צוזעהן, ווי סענדעריל פלעגט אפט פאר זיך אליין איבער־חזר'ן דעם מושטיר, זי־ אויסציהען גלייך ווי א סטרונקע, פעררייסען דאס קעפיל, אנבלאזען די פיסקלעך ווי א גבור, הייבען פיסלעך און געהן א מארש נאר טאקי ווי א אנגעבלאזענער אינדיק, פלעגט זיך דרעהען, דרעהען און לסוף פארפלאנטען די פיסלעך און פאלען. נאר אקעגען זשע בנימין אבער — ער האט מיט אזעלכע זאכען בשום אופן נישט געקענט זיך געוועהנען, ער איז געווען בטבע איינער פון יענע מיני פייגעל, וואס הייסען וואנדער־פייגעל, דאס הייסט אזעלכע, וואס זייער טבע איז אלע יאהר סוף זומער אוועקצופליהען און איבערווינטערן דארט אין די ווייטע ווארעמע מקומות. די טבע צו וואנדרעווען מאנט אזא מין פויגעל אזוי שטארק, אז באם מען האלט איהם דעמסטמאל געפאנגען אין א שטייגעל, איז איהם נישט ניחא דאס לעבען, ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראפעט זיך אויף די גלייכע ווענט און זוכט ערגיץ עפיס א שפאלט אנטרונען צו ווערען. די נסיעה אהין אין יענע ווייטע מקומות, וואס האט ווי א זלידנע זיך איינגעגעסען אין בנימינס קאפ, וואס איז איהם געווארען די צווייטע נאטור, וואס צוליב איר האט ער אוועקגעווארפען ווייב און קינדער — די דאזיגע נסיעה האט איהם נישט געלאזט רוהען קיין רגע, האט איהם געבויערט, געפיקט דעם קאפ, זי האט אין איהם געבורטשעט און אלץ געשריגען: בנימין, געה ווייטער! געה ווייטער, ווייטער!

דערווייל איז אוועקגעגאנגען אזוי דער ווינטער און אונזער בנימין, נעבעך, האט זיך שטארק געמוטשעט.

איינמאל אין א שענעם טאג נאך פסח, אז סענדעריל האט

בינו-לבין עצמו זיך געמושטירט, איז בנימין צו איהם צוגעגאנגען מיט אזא שמועס:

— כ'לעבען, סענדעריל, דו ביסט א יונגעל! דו שפילסט זיך און מאכסט עפיס אזעלכע קונצען ווי א קונדעס. וואס קען דערפון, איך בעט דיך, דער תכלית זיין? פארגעס גאר נישט, אז דו ביסט, ברוך השם, א בעווייבטער, דערצו נאך אויך עפיס א יוד, היינט צו וואס פאר-נעהמסט-דו זיך מיט אזעלכע זאכענישן און לעגסט דרינען דעם גאנצען קאפ דיינעם אריין? למאי נפקא מינה, צי מיט דער לינקע צי מיט דער רעכטע פוס קרוגאם, ווי זיי רופען עס דארט עפיס, וואס מאכט עס אויס?

— ווייס איך? — האט סענדעריל געענטפערט, — מען הייסט קרוגאם, זאל זיין קרוגאם, וואס פאר א דאגה איך האב.

—און אונזער נסיעה, זאג נאר, האסט-דו שוין פארגעסען? גוואלד, אונזער נסיעה, אונזער נסיעה אהין, אהין... לינדענווארעם, מוילאייזעל, פיפערנאטער! — האט בנימין גערעדט צוקאכט.

— מארש, מארש, מארש! — האט סענדעריל געמאכט און געהויבען פיסלעך.

— אז אך און וועה צו דיר, סענדעריל, און צו דיין מארש! פע, מעגסט זיך, כ'לעבען, שעמען! זאג מיר נאר בעסער, קונדעס איינער, ווען וועלען מיר מאכען אונזער נסיעה?

— פון מיינעטוועגען אך! — האט סענדעריל געענטפערט, — אבי מען וועט אונז נאר לאזען.

— וואס טויגען מיר זיי און וואס בעדארפען זיי אונז האבען?— האט בנימין זיך אנגערופען. — אדרבה, סענדעריל, זאג אליין ביי דיין יודישקייט, אז באם דער שונא זאל, חס ושלום, קומען, וועלען דען אזעלכע צוויי איהרע ווי מיר זיך קענען שטעלען איהם אקעגען? און אז דו וועסט איהם טויזענט מאל זאגען. „געה דיר אוועק, אלא נישט מאך איך פוי, פוי! וועט ער דען דיך הערען? פארקעהרט, ער וועט דיך נאר אנחאפען און דיין גליק וועט זיין, אז דו וועסט לעבעדיג פון זיינע הענד ארויס. גלויב מיר, כ'לעבען, ווי איך זעה, זענען מיר דא אינ-גאנצען איבעריג, זיי וואלטען גערן געוועזן אונזערער פטור צו ווערען. איך האב אליין געהערט, ווי דער עלטסטער האט זיך איינמאל אויסגעדריקט, אז מיר זענען טאקי גאר א אנשיקעניש, ווען עס זאל אין איהם געווענדט זיין, וואלט ער אונז שוין לאנג ארויסגעטריבען צו אלדי שווארצע יאהר און באמת טאקי, וואס טויגען מיר זיי? איך זאג דיר, סענדעריל, בפירוש,





אז דאס איז גאר לכתחלה געווען א קרומע זאך, נישט קיין גלייכער שידוך. מיר טויגען זיי נישט און זיי טויגען אונז נישט. די יודען, וואס האבען אונז אין זייערע הענד אריינגעגעבען, האבען זיכער געמוזט זיי דערצעה-לען אויף אונז, אז מיר זענען ווילדע גבורים און קענען טכסיסי מלחמה, טאקי וואס קענען הייסט. מילא וואס זענען מיר שולדיג, אז די יודען האבען זיי אבגענארט? למאי אונז האבען די יודען אויך מיאוס אבגע-נארט. מיר זענען דאך נאר מיט דער דעה אהער געקומען עפיס צונויפמא-כען און לאזען זיך ווייטער אין וועג אריין. פון טכסיסי מלחמה איז כלל קיין מדובר נישט געווען, איך וועל שווערען אפילו אין טלית און קיטעל, אז דערפון האט מען אפילו נישט מזכיר געווען. גלאט חאפעניש-גילטניש איז דאך פשוט שוין קיין יושר נישט, הערט דאך שוין טאקי אויף אלס-דינג!—קורץ, זיי זענען נישט שולדיג, וואס מען האט אונז אבגענארט, און מיר זענען אויך נישט שולדיג, וואס מען האט זיי אבגענארט,—שולדיג זענען דא נאר די יודען, די ליגנער, די כלבוניקעס, וואס האבעןביידע צדדים אבגעליגנערט. די יודען, סענדעריל, די יודען, זיי אליין זענען דא טאקי אינגאנצען שולדיג, קיינעם בעדארף מען אין דער זאך ניט בע-שולדיגען, נאר די יודען, די יודען און נאך א מאל די יודען!...

— מילא וואס ווילסט-דו, בנימין, זאלען מיר טאן? — האט סענדעריל געפרעגט.

— איך וויל, האט בנימין געענטפערט, מיר זאלען זיך לאזען ווייטער אויף אונזער נסיעה. אויס כלה און ווייטער א מויד! מיר דאכט זיך, אז קיינער וועט אונז דאס נישט פארוועהרען, הן על פי דין והן על פי יושר טאהר קיינער נישט אונז פארהאלטען. אי וואס, דו האסט מורא, טאמער וועט מען אונז פארט נישט לאזען איז דערצו א פראסטע תרופה, מיר זאלען פונדאנען שטילערהייט אוועקגעהן. וועמענס עסק איז דאס ביי אונז צו וויסען? געזעגענען זיך בעדארפען מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אזוי, אז געזעגענען זיך איז א איבעריגע זאך. האט סענדעריל געמאכט, להי אז מיר זענען פאר-א-יאהרען אוועקגעגאנגען פון דער היים און קיינעם נישט, אפילו ווייב און קינדער נישט געזאגט חאטש נא... טעבי!

פון דעם דאזיגען שמיעס אן האבען אונזערע פארשוינען אנגעהויבען טראכטען ווידער פון זייער נסיעה און זיך אלץ מישב געווען, ווי צו מאכען פליטה. און בינימינ'ן האבען זיך שטארק צושפילט די געבליטען, ער איז געווען שרעקליך אומרוהיג און ארומגעפאדעט צוקאכט, ווי א הוהן,

וואָס וויל אין וועסנע זיך זעצען אויף אייער: ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט געהערט, נישט געזעהן, וואָס אַרום איהם טהוט זיך. איז פאַרביי איהם דורכגעגאַנגען עפּיס אַ עלטסטער, האָט ער מחמת צוטראָגענקייט נישט אָראָבגענומען דאָס היטעל; האָט ער געכאַפּט אַ פּאַטש אָדער אַ זעץ אין דער פּאַטיליצע, האָט ער אפילו זיך נישט פאַרקרימט, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען; האָט מען צו איהם גערעדט עפּיס אין עיני־המושטיר, איז איהם נישט אַריין אפילו אין דער לינקע פאה, ער האָט געהערט דאָס וכדומה אַזעלכע זאַכען אַקוראַט ווי אין טשערנאָוויטש די מגילה. ער האָט אין זינען געהאַט נישט מעהר ווי די נסיעה און דער קאָפּ זיינער איז געפלויגען ווייט, ווייט!

איינמאָל שפּעט ביי דער נאַכט, אַז אַלע זעלנער אין דער קאַזאַרמע האָבען געשמאַק געשלאָפען, איז בנימין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו סענדערלס געלעגער.

— סענדע ... ביסט פאַרטיג? — האָט בנימין שטילערהייט געפרעגט.

סענדעריל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אָנגענומען בנימינ׳ן פאַר דער פאָלע און זענען ביידע שאַ קיטש אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן הויף.

אין דרויסען האָט געבלאָזען אַ וואַרעם ווינטעל, שטיקער שוואַרצע אי ברוינבלויע וואָלקענס האָבען זיך געטראָגען אין דער הויך און זיך געצויגען איינע נאָך די אַנדערע, גלייך ווי טויזענטער משימאַקעס געהען דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פוהרען סחורות, און יאָגען זיך בייציַיטענס אָנצוקומען אין הימעל אויף דעם יריד. די לבנה איז ווי אַ פריקאַזטשיק אויך געגאַנגען מיט דעם דאָזיגען משונה־לאַנגען צוג פלעגט אויף אַ מינוט נאָר אַרויסשטעקען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן וואָס טהוט זיך אין דרויסען. דערנאָך ווייטער אויף אַ היבשע צייט זיך בעהאַלטען און געלעגען איינגענורעט דאָרט ערגיץ אונטער אַ וואָלקענדיגען לאַנטוך. שוואַרץ אָבגעשמירט ווי מיט סמאָלע.

אונזערע פאַרשוינען האָבען אין דער פינסטער זיך געלאָזט געהן איבער דעם הויף און שטילערהייט צוגעגאַנגען צום פלייט. זיי זענען אַרויפגעקראָכען אויף אַ באַרג מיט האָלץ און פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען אַרויפצוקלעטערן אויפ׳ן פלייט. פלוצלים האָט סענדעריל זיך אַ חאַפּ געטאָן און געזאָגט בנימינ׳ן אין אויער אַריין:





— אַך, בנימין, איך האָב פאַרגעסען די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקעהרען נעהמען די טאָרבע?

— חלילה! — האָט בנימין געטאַכט, — אומקעהרען זיך איז אַ מיאוסע זאַך. אַז גאָט העלפט אַ מענשען, העלפט ער איהם אויך אויף אַ טאָרבע.

— עס קוסט מיר איצט פיר, האָט סענדעריל געזאָגט, וואָס דער זיידע, רב סענדעריל עליו השלום, האָט מיך געוואָהרענט אין חלום: שטעה אויף, סענדעריל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאַנען אוועק וואוהין די אויגען טראָגען! הלוואי זיין זכות זאָל אונז איצונד בייִשטעהן, ער איז געווען טאַקי מיט׳ן פולען מויל אַ יוד, גאָר אָהן שום מלאכות. די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערצעהלען....

נאָר איידער סענדעריל האָט זיך גענומען צו דערצעהלען, וואָס זיין באָבע פלעגט אַלץ דערצעהלען פון זיין זיידען, האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אַ זעלנער. וואָס איז דאָרט איז דער זייט געשטאַנען אויף דער וואַך.

אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך צוגעטולעט צום פלייט, איינגעהאַלטען דעם אָטהעם, געלעגען שטיל, קיין ריהר זיך נישט צוטאָן, און אויסגעזעהן ווי צוויי גרויסע אַלטע שמאַטעס. שפּעטער אַביסיל, אַז ס׳איז ווידער געוואָרען רוהיג־שטיל, האָבען די דאָזיגע שמאַטעס אַרויסגעוויזען אַ סימן פון לעבען און פּאַמעליך זיך אַראָבגעלאָזט פונים פלייט. זיי זענען געקראָכען אויף די הענד און די פיס און זיך גערוקט פּאַמעליך אַלץ ווייטער ווייטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפען אויסצומיידען דעם זעלנער, וואָס אויף דער וואַך, און אַרויסצוקריכען אין אַ געסיל. אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, געשטאַנען אַביסיל, צו חאַפּען דעם אָטהעם און זיך־ אָנגעקוקט פרעהליך מיט פייערדיגע אויגען.

— די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערצעהלען, — האָט סענדעריל אָנגעהויבען צורעדען, — ווי דער זיידע, רב סענדעריל עליו השלום, פלעגט בחייו אַלץ דיינקען פאָהרען קיין ארץ ישראל, פאַר׳ן טויט האָט ער זיך אויפגעזעצט און געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכה געווען ביי נאָך פאָהרען קיין ארץ ישראל, בין איך במות, אַז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס האַרץ מיינע זאָגט מיר איצט, אַז דאָס האָט ער געמיינט מיך. הלוואי פון מיין מויל אין גאָטס אויערען אַריין.

נאָר פון סענדערילס מויל אָבער איז גאָר אין אַנדערע אויערען

אריין! קיים וואס סענדעריל האט ארויסגערעדט דעם וואונש זיינעם, האט פלוצלים איינער אויף מאסקוויטעריש זיי א פרעג געגעבען: ווער איז דא! און אז ער האט נישט בעקומען קיין ענטפער, איז ער געשווינד צוגע-גאנגען און ווייטער געפרעגט.

די לבנה האט, צום שלימזול, ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון אונ-טער א פינסטערען שטיק חמארע און בעלויכטען אונזערע בידנע פארשוינען, וואס זענען געשטאנען אהן לשון, טויט ווי די וואנד, און דעם עלטסטען זייערען, וואס האט זיך שרעקליך געבייזערט, געמאכט מיט די הענט און זיי, נעבעך, געגעבען אין טאטען און אין דער מאמען אריין.

אין עטליכע מינוט ארום זענען אונזערע פארשוינען געזעסען חי-ארעסטאנטען דארט אויף דער הויפטוואכטע!

ס'איז גאר נישטא אזעלכע ווערטער צובעשרייבען די שרעקליכע יסורים, וואס אונזערע פארשוינען האבען געפיהלט זיצענדיג אין גע-פענגעניש. זיי זענען, נעבעך, אראב שטארק פונ'ם פנים און געווארען פשוט אוים מענשען. סענדעריל האטש פלעגט נאך שלאפען און שלא-פענדיג האט ער וועניגסטענס עטליכע שעה נישט געפיהלט די ביטערע צרות, [ער פלעגט נאך א מאל האבען א גוטען חלום, דער ווידע רב סענדעריל האט עפיס אנגעהויבען עפעס זיך צוזעהן און געטריבען מיט איהם שפאס, ער פלעגט קיינמאל נישט קומען לעדיג: א מאל איז ער געקומען מיט א פיילענבויגען, מיט א שווערדיל אדער מיט א המנ-קלעפיל, פלעגט א קניפ געבען דעם אייניקעל ביים בעקעלע און זאגען מיט א שמייכעלע: נא דיר, קונדעסיל, טשאטשקעלעך! שפיל זיך, שקאץ, דערמיט, מאך פוי, פיף, פאף, סענדעריל!... און א מאל איז ער געקומען מיט א דריידעל, זיך געזעצט שפילען מיט זיין ליבהארצעדיגען סענדערוניון. סענדעריל האט גערעהט, גערעהט, גערעהט, געמאכט ג' און געוואונען ביים זיידען א גראשען... גוט איז דעם מענשען אי א גוטער חלום. די וועלט אינגאנצען איז דען נישט א חלום? בנימין אבער האט דאס אויך נישט געהאט, עס האט פון איהם זיך אבגעטאן דער שלאף. ער איז געווען משונה צוטראגען און דאס בלוט האט אין איהם געקאכט ווי א קעסעל. ער האט געזעהן דורך דעם פענסטער, די זון שיינט גאר מחיה, דאס גרינע גראז וואקסט און שפראצט, ביימער צוויטען וואונדער-שען, מענשען גיהען, לויפען אהין און אהער און פייגעל פליהען פריי אין הימעל. איצונד איז די רעכטע צייט צו וואנדע-רען, גאר ער זיצט אבער פערשפארט און קען זיך נישט לאזען אויף





זיין נסיעה. ער פלעגט אזש אונטערשפרינגען פאר גרוים ענמת נפש, זיך חאפען ביים קאפ, ארומלויפען צודולט און שרייען, רעדען מיט נ ל: גוואלד! וואס האב איך זיי געטאן? גוואלד, גוואלד! וואס האבען זיי צו מיר?....

# דאָס פערצעהנטע קאַפּיטעל.

## אויס כּלה — ווייטער מויד.

אין דער וואָיענער קאַנצעלאַריע זענען שפּעטער מיט עטליכע טעג, נאָך דער מעשה מיט אונזערע פאַרשוינען, געזעסען אַ סך אָפיצירען אין דער פאָלנער פאָרמע, צווישען זיי דער יענעראַל מיט דעם פאָלקאָווניק. אין דער זייט נעבען דער טיהר זענען געשטאַנען צוויי זעלנער מיט אַראָפּ-געלאָזענע קעפּ און האָבען אויסגעזעהן ווי אַ מויז, וואָס מען נעהמט אַרויס פון אַ לאַדעשקע זויערמילך. די אָפיצירען האָבען געקוקט אויף די זעלנער זיי בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך צווישען זיך עפּיס גערעדט און אַביסיל אונטערגעשמייכעלט.

— הערסט-דו, סענדעריל, — האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת די אָפיצירען האָבען צווישען זיך געשמיעסט, — איך זאָל וויסען מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין, מוז איך זיי אַרויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, איך בין שטאַרק אָנגעלאָדען.

— פון מיינעטוועגען, בנימין, זאָג דיר זיי דעם אמת, — האָט דער אַנדערער זעלנער זיך אָנגערופען, — אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

— איהר זייט עס די לייט, וואָס האָבען שפּעט ביי דער נאַכט זיך אַרויסגע׳גנב׳ט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער יענעראַל געפרעגט סטראָגע. — איהר ווייסט, וואָס קומט פאַר אַזאַ שולד.





— אָ-ווא, אָ-ווא! — איז בנימין אויף גאָטס בעראטה אַרויס מיט אַ שפּראַכע, האַלב יודיש, פאַלעווינע רייסיש, און אַנידערגעלעגט אַ שמי-עסיל, אַז חייקיל זאַאיקע, דער בעל-דברן פון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כ׳לעבען, זיך בעגראָבען ניין איילען אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אַוועקגעקעהרט דעם קאָפּ מיט אַ געלעכטער, אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד און דער פּולקאָווניק האָט אָנשטאָט איהם אָנגעהייבען צוריידען.

— איהר האָט זיך שטאַרק פאַרדינט, אייך קומט מיאוס צו בעשטראָפען פאַר אַזאַ שולד.

—-וואַשע בלאַגאָראָדיע!—האָט בנימין אויסגעשאָסען אויף אַ קול,— האַפּען מענשען אין מיטען העלען טאָג און פאַרקויפען זיי ווי היהנער אויפ׳ן מאַרק—דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילען ניצול ווערען, דאָס רופט מען אָן אַ שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקי הפקר אַ וועלט, און איך פאַרשטעה שוין, אָסור, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגען און נישט מעגען! אדרבא לאָמיר פרעגען דאָ טאַקי מענשען, זאָלען זיי זאָגען, ווער איז שולדיג. אַ שטייגער, ווי וואָלט געווען. אַז מען זאָל אייך האַפּען ערגיץ אויפ׳ן וועג און מיט גוואַלד אַריינשטופּען אין זאַק אַריין, נו וואָלט איהר, חלילה, שולדיג געווען. ווען איהר וואָלט מיט אַמצות-כּח פּונ׳ם זאַק אַרויס? איך זאָג אייך בפירוש, דאָס איז געווען לכתחלה אַ גע-נויטע זאַך, אַ גענאַרעריי, שולדיג זענען דאָ נאָר די יודען, מי יודע וואָס זיי האָבען נאָך אָנגערעדט. מיר זענען אייך מוסר מודעה—זאָג, סענדעריל, זאָג! וואָס שטעהסט-דו ווי אַ גלום? געה אַרויס מיט דעם אמת אויף גאָטס בעראַטה. נאָר אָהן מורא און זאָג מיט מיר אינאיינעם: — מיר זענען אייך מוסר-מודעה, אַז פון טכסיסי מלחמה האָבען מיר נישט גע-וואוסט, מיר ווייסען נישט און מיר ווילען נישט וויסען, מיר זענען, ברוך השם, בעווייבטע, האָבען אין זינען עפּיס גאָר אַנדערש און מיט אַזעלכע זאַכענישען קענען מיר לחלוטין זיך נישט אָבגעבען, זיי געהען אונז אַפילו גאָר אין קאָפּ נישט. הײנט מילא וואָס טויגען מיר אייך? מיר דאַכט זיך, אַז איהר בעדאַרפט אַליין וועלען אונזערער פּטור צו ווערען.

און באמת איז בנימין טאַקי זעהר גערעכט געווען, מען איז נאָך לאַנג טאַקי גערן געווען, זייערער פּטור צו ווערען. אַז די עלסטע האָבען זיך געוועזן צוגעקוקט צו אונזערע פאַרשוינען, צו זייער הילוך, צו זייערע פּאַסטעמקעס, צו זייער שמיעס און צו זייערע מאַרשען, האָבען זיי שוין זיך אָנגעשטויסען, מיט וועלכע נפשות זיי האָבען צוטאָן, און פלעגען

נישט איין מאל זיך האלטען ביי די זייטען לאבענדיג. דער ביון פון דער
איצטיגער סאבראניע אפיצירען איז געווען צונעהמען אונזערע פארשוינען
אויפ׳ן פארהער און פריווען זעהן, מיט וועמען זיי האבען א עסק. בנימין
מיט סענדערלען האבען דא זיך פארהערט און, ברוך השם, שטארק אויס-
גענומען, נאך מעהר ווי געוואונשען, אזוי אז די אלע אפיצירען האבען
עפים משונה הנאה געהאט פאר געלעכטער.

— נו, דאקטאר? — האט דער יענעראל געמאכט צו א אפיציר,
וואס האט זיך אריינגעלאזט אין א שמיעס און מיט אונזערע פארשוינען
זיך שטארק אבגעגעבען.

דער דאקטאר האט אנידערגעלענט א פינגער אויפ׳ן שטערען און
געמאכט שאקלענדיג מיט׳ן קאפ, גלייך ווי ער וואלט געזאגט — דא
פעהלט א קלעפקע!

דער שפיץ איז געווען, נאכדעם אז די אפיצירען האבען צווישען
זיך גערעדט און עפים געשריבען, האט מען געהייסען אבלאזען אונזערע
פארשוינען פריי פונ׳ם דינסט.

— געהט אייך, האט מען צו זיי געזאגט, געהט אייך געזונטערהייט!
בנימין האט זיך זעהר שען גזעגענט מיט א פארבייג און זיך גע-
לאזט אוועקגעהן.

סענדעריל האט ווי א זעלנער געהויבען פיסלעך און געגאנגען נאך
איהם מיט א מארש.